בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

שנאמרה בסעודה שלישית בעידן רעוא דרעוא

## פרשת זכור תשי"ג

ביאור נפלא בענין מלחמת עמלק בימי שאול המלך
וסימני הגאולה האמיתית וגאולת שוא
והתעוררות רחמים להמתיק חבלי משיח

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ח לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י
**מערכת ״לשון קדשו״**
מאנטריאל קאנאדא
1-514-585-3040
**קונטרס 19** (מהדורא ב)

## לשמיעת הדברות קודש:

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**

(פון אייראפע 3333419-72-972+)

צו הערן די תורה **פרשת זכור תשי״ג**

דרוקט: **1←6←6←8←13←#** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(44 מינוט) **קלאָר**

---

בדברי תורה פרשה זו, ביאר רבינו ביאור נפלא בענין מלחמת עמלק בימי שאול המלך, חשבונו של שאול המלך במה שהשאיר אֲגַג וּמֵיטַב הַצֹּאן, ומה שֶׁהִתְּרָה אותו שמואל הנביא, וכדרך רבינו שמבאר שצדיקי וקדושי עולם לא חטאו כפי שנראה בפשטות הפסוקים, אלא כל כוונתם היתה לעשות רצון השי״ת רק שהיה איזה פגם קל. ורבינו הזכיר בחינה זו כמה פעמים (ולדוגמא בויואל משה (מאמר שלש שבועות, אות קמז) כתב רבינו ״אצל שאול המלך בחיר ה׳ היו עוד בזה ענינים נסתרים, כאשר כן, בכל החטאים הנזכרים בתורה הקדושה ובדברי חכמינו ז״ל, על הקדמונים הקדושים בתכלית הקדושה, וכבר אמרתי בזה ענין נכון״). וכן אמר בחינה זו בדרשת הו״ר תשי״א.

בדברי תורה אלו הִרְבָּה רבינו לעורר רחמים על הצלת ״נפשות מישראל״ ואיך שצדיקי אמת לא יכלו לסבול צערן של ישראל וחבלי משיח. הדברים נאמרו באותו זמן שהיה פחד גדול אודות גורל היהודים בהמדינות שהיו תחת שלטון הקאָמוניסטן, כי היו בסכנה גדולה אחר שהצורר היהודים (סטאַלין) ששלט אז עליהם, עשה בלבול גדול כאילו רופאים יהודים הרגו כמה אנשי השלטון, וגזר עליהם גזירות קשות והיה מתכונן להוציא גזירת המן להשמיד להרוג ולאבד ח״ו את כל היהודים שתחת ממשלתו רח״ל.

וכן במשך כל חודשי החורף בשנת תשי״ג היה רבינו בצער ובפחד גדול, והזכיר הרבה פעמים בבכיות עצומות בתוך הדברי תורה מילין לצד עילאה לעורר רחמים עליהם, וכלפי ישראל לעוררם לתשובה ותפלה ותקון המעשים. וביותר בס״ג פרשת שקלים (משפטים) שהאריך בענין זה והרבה בתפלת על מפלת צורר היהודים דשם ועורר רחמים שכבר די סבלנו חבלי משיח ושלא נסבול עוד יותר. וכן כאן בפרשת זכור מובן כוונת הדברים על זה,. ובליל פורים תשי״ג בפסוק ״אם מזרע היהודים מרדכי אשר החילות לנפול לפניו לא תוכל לא כי נפול תפול לפניו״, צעק רבינו בקול אדיר יותר משאר השנים, כאשר נשמע על הטעיפ שנקלט אז. עד שברוב רחמי השי״ת אכן נעשה הנס בעצם יום הפורים, שאז היתה פגירתו של אותו רשע ונתבטל הגזירה, כן יאבדו כל אויביך ה׳, וליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר, אכי״ר.

KolSatmar.com

# קושיות ודקדוקים בקריאה דפרשת זכור

**א**

[טרם התחלת התורה ניגן רבינו לעצמו בגודל דביקות את תנועה הידוע של הרה״ק מקאלוב זי״ע על תיבות גלות גלות]

**זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם. אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ וְאַתָּה עָיֵף וְיָגֵעַ וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים. וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה׳ אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב בָּאָרֶץ אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה לְרִשְׁתָּהּ תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם לֹא תִּשְׁכָּח.**

**ב**

**הקדמה לקושיא ג**

מבואר בפייט ובמדרשים דיותר ממה שֶׁהֵרַע עמלק לָנוּ, עשה כביכול להקב״ה

**[זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ״לְךָ״ עֲמָלֵק].**

ס׳איז דאָ אַ מדרש, דער מדרש זאָגט דאָך עס[א]. און מ׳זאָג מיר עס אין פַּיְיט.

אין פַּיְיט זאָגט מען אויך די זעלבע (ביוצר לשבת זכור ד״ה אלקים אל דמי לך), זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לָךְ. לנו אתה אומר זכור[ב], יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר עָשׂוּ לָנוּ עָשׂוּ לָךְ, רעכנט ער אויס [בפייט] אַסאַך זאַכן אין דעם וַיְזַנֵּב כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים, [אוֹתָנוּ חוּץ מִמְּחִיצָּה קָמוּ] וְאוֹתְךָ (בקדשי קדשים) [לִפְנַי וְלִפְנִים קִדְּמוּ].

[וְאוֹתְךָ עֲשֶׂרֶת אַבִּירֵי בְּרִית] הֶחֱרִימוּ - און די עשרה הרוגי מלכות רעכנט ער אויס.

דעם גאַנצן בית המקדש [החריבו בני עמלק ואדום. וכן הרגו צדיקים וקדושים] ביים חורבן, [וכמו שאומרים (בתפלת נַחֵם לת״ב)] וַיַּהַרְגוּ בְּזָדוֹן חֲסִידֵי עֶלְיוֹן.

**ג**

במדרש: קודם החורבן תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, לאחר החורבן כִּי מָחֹה אֶמְחֶה

ס׳שטייט גאָר אַרויס אין **מדרש** [שהם החריבו הבית המקדש], ס׳שטייט דאָך אַ מאמר חכמינו ז״ל (תנחומא תצא, יא) **כתוב אחד אומר כִּי מָחֹה אֶמְחֶה** (בסוף פרשת בשלח) **וכתוב אחד אומר מָחֹה תִּמְחֶה** (בסוף פרשת תצא). [ומבאר המדרש] קודם שֶׁפָּשַׁט ידו למקדש איז מחה תִּמְחֶה, אָבער מִשֶּׁפָּשַׁט ידו למקדש איז מָחֹה אֶמְחֶה. זעט מען דאָך אַז נאָכ׳ן חורבן איז שוין מָחֹה אֶמְחֶה.

**ד**

**קושיא א**

צ״ב דמקדים בפרשת בשלח מָחֹה אֶמְחֶה שזהו לאחר החורבן, ובפרשת כי תצא כתב תִּמְחֶה, והול״ל לפי הסדר.

נאָר דאָס חידוש איז, ס׳איז פאַרקערט. [דלפי המדרש הזה] קומט דאָך אויס הערט דאָך דער מָחֹה אֶמְחֶה געווען געדאַרפט שטיין נאָכ׳ן מחה תִּמְחֶה, וואָרן

---

[א] במדרש (איכ״ר ה, א) אמר רבי ברכיה אמרו ישראל לפני הקב״ה, רבונו של עולם הִכְתַּבְתָּ לנו בתורתך זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ׳לְךָ׳ עֲמָלֵק, לִי עשה ולְךָ לא עשה?, לא החריב את מקדשך?.

[ב] מובא בתורת המנחה (לרבינו יעקב ב״ר חננאל סקילי ז״ל תלמיד הרשב״א. כי תצא עא), זָכוֹר, וכי לנו אתה אומר זכור, אתה זכור ומחה את זכרו, כמו שאמרת ונשבעת דכתיב (שמות יז, טז) כי יד על כס קה מלחמה לה׳ בעמלק, שאם אין אתה רב את ריבנו ונוקם את נקמתינו, מי הוא שיריב ריבנו, הה״ד (תהלים לה, א) רִיבָה ה׳ אֶת יְרִיבַי לְחַם אֶת לֹחֲמָי. וכן בפייט הנ״ל, עַד שֶׁאַתָּה מְצַוֵּנוּ הִזָּכֵר לָךְ, אַתָּה זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשׂוּ לָךְ.

KolSatmar.com

דער מחה תִּמְחֶה איז דאָך פריער געווען, דאָס גייט דאָך אַרויף אויף קודם שפשט ידו למקדש, און דער מָחֹה אֶמְחֶה גייט אַרויף אויף דערנאָך, וואָלט דאָך קודם געדאַרפט שטיין דער מחה תִּמְחֶה צו דער מָחֹה אֶמְחֶה, צום סוף שטייט גאָר אין פסוק דער מָחֹה אֶמְחֶה פריער.

**ה**

**קושיא ב**

הלא החיוב של "תִּמְחֶה" נוהג לעולם אף לאחר החורבן, ולפי התנחומא הלא רק הקב"ה יִמְחֶה לאחר החורבן

ב) און דערנאָך איז עס געבליבן [חיוב מחיית עמלק], כסדר זאָגט מען אַלץ נאָר דעם מחה תִּמְחֶה, תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, מ'האַלט דאָך שוין לאַנג משפשט ידו למקדש, [וגם מאז ואילך] ער האָט געטוהן נאָך און נאָך, ס'האָט דאָך קיין שִׁעוּר און קיין עֶרֶךְ נישט, וואָס די בני עשו, די בני עמלק, וואָס זיי האָבן געטוהן, און מ'האַלט דאָך אַלץ נאָך ביים "תִּמְחֶה" אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק.

**ו**

**קושיא ג**

צ"ב לשון זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה "לְךָ" עֲמָלֵק, כי הלא יותר ממה שעשה לנו עשה כביכול להקב"ה

ג) און דערנאָך דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס דער בורא כל עולמים האָט געהייסן זאָגן, זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה "לְךָ" עֲמָלֵק, וואָס עפּעס וואָס ער האָט אונז, "מיר" געטוהן, ער האָט דאָך מער געטוהן פאַר'ן בורא כל עולמים [כנזכר לעיל (אות ב) בפייט ובמדרש, וְיוֹתֵר מֵאֲשֶׁר עָשׂוּ לָנוּ עָשׂוּ לְךָ].

**ז**

און נאָכדעם זאָגט מען [אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ] **וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים וגו'.**

**קושיא ד**

צ"ב למה מזכיר רק מה שעשה לַהַנֶּחֱשָׁלִים, והלא עָשָׂה הרבה יותר מזה שהחריב ביהמ"ק והרג חסידי עליון

ד) נֶחֱשָׁלִים זאָגט מען דאָך (במדרש תנחומא תצא י) [אויף] די וואָס דער עַמּוּד הֶעָנָן האָט פּוֹלֵט געווען פון שבט דן, די וואָס זיי האָבן געדינט די עבודה זרה.

[וקשה, וכי רק] די נֶחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ, נאָר די האָט ער גענומען? ער האָט דאָך גענומען דערנאָך צדיקי עליון, חסידי עליון, ביים חורבן בית המקדש, און כסדר בכמה דורות, אַזוי ווי ער רעכנט אויס טאַקע אין פייט, די עשרה הרוגי מלכות, וואָס ער האָט זיי גע'הרג'ט. ס'איז דאָך אַ גרעסערער עון [ממה שעשה עם הַנֶּחֱשָׁלִים], אַ גרעסערער פגם, אויף דעם קומט דאָך איהם אַ גרעסערער עונש.

ווי די גמרא (ר"ה כג.) זאָגט, [אוי להם לאומות העולם שאין להם תקנה, שנאמר (ישעי' ס, יז) תַּחַת הַנְּחֹשֶׁת אָבִיא זָהָב וְ]תַחַת הַבַּרְזֶל אָבִיא כֶסֶף וגו', תחת רבי עקיבא וחביריו [מאי מביאין? ועליהם הוא אומר (יואל ד, כא) וְנִקֵּיתִי דָּמָם לֹא נִקֵּיתִי].

[ועל אותן שהחריבו ביהמ"ק] זאָגט שוין די גמרא[ג] גֵּיהִנֹּם כָּלָה וְהֵם אֵינָם כָּלִים.

---

[ג] **בגמרא** (ראש השנה יז.) יורדין לגיהנם, ונידונין בה לדורי דורות וכו' גיהנם כָּלָה והן אינן כָּלִין וכו', וכל כך למה, מפני שפשטו ידיהם בזבול וכו', ואין זבול אלא בית המקדש.

KolSatmar.com

קומט דאָך [להעמלקים] אַ גרעסערער עונש פאַר דעם [שהחריבו בית המקדש והרגו חסידי עליון], איז דאָך קָם לֵיהּ בִּדְרַבָּה מִינֵיהּ. וואָס דען רעכנט מען נאָר אויס, אונז דאַרף מען נאָר געדענקען, דעם וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל ״הַנֶּחֱשָׁלִים״ אַחֲרֶיךָ?

דער בורא כל עולמים הייסט נאָר געדענקען דאָס וואָס ער האָט געטוהן פאַר די שוואַכע, די וואָס דער עָנָן האָט פּוֹלֵט געווען, אַמֶער [=הגע עצמך דהלא] מיט דעם טוט מען דאָך נאָך מַקְטִין זיין דעם חטא, [שהרי] ער האָט דאָך אַרגערס געטוהן ווי כָּל ״הַנֶּחֱשָׁלִים״, ער האָט דאָך שפּעטער געטוהן אַרגערס, נו וואָס דען הייסט מען אונז נאָר אייביג לעולם ועד, לֹא תִּשְׁכָּח הייסט מען נאָר געדענקען דאָס וואָס ער האָט געטוהן פאַר די נֶחֱשָׁלִים, פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, פאַרוואָס הייסט מען נישט געדענקען נאָך מער - תָּבֹא ״כָל״ רָעָתָם לְפָנֶיךָ (איכה א, כב), - דאָס וואָס ער האָט געטוהן דאָס אַרגערע, דאָס האַרבערע, פאַרוואָס הייסט מען נאָר דאָס געדענקען [מה שעשה לנֶחֱשָׁלִים].

ח

קושיא ה

צ״ב מה שדייקה התורה בהציווי למחות אותו רק ״מתחת השמים״

ה) דערנאָך וואָס איז דער ״מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם״. תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם.

ט

[קושיא ו - מתוך הדרוש]

צ״ב מה שדייקה התורה למחות את עמלק רק ״מתחת השמים״

ו) [צ״ב דאם הוא מצות לא תעשה ״לא תשכח״, למה המתין עד לסוף הפרשה ולא התחיל תיכף ״זכור אל תשכח״, וכמו (דברים ט, ז) ״זְכֹר אַל תִּשְׁכַּח״ אֵת אֲשֶׁר הִקְצַפְתָּ אֶת ה׳ אֱלֹקֶיךָ בַּמִּדְבָּר]. (הקושיא בדברי רבינו אות סד)

י

# קושיות ודקדוקים בהפטורת פרשת זכור

שמואל א׳ פרק טו

[וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל שָׁאוּל וגו׳ כֹּה אָמַר ה׳ וגו׳ לֵךְ וְהִכִּיתָה אֶת עֲמָלֵק וְהַחֲרַמְתֶּם אֶת כָּל אֲשֶׁר לוֹ וְלֹא תַחְמֹל עָלָיו וְהֵמַתָּה מֵאִישׁ עַד אִשָּׁה מֵעֹלֵל וְעַד יוֹנֵק מִשּׁוֹר וְעַד שֶׂה וגו׳. וַיָּבֹא שָׁאוּל עַד עִיר עֲמָלֵק וַיָּרֶב בַּנָּחַל. וַיַּךְ שָׁאוּל אֶת עֲמָלֵק וגו׳ וְאֶת כָּל הָעָם הֶחֱרִים לְפִי חָרֶב. וַיַּחְמֹל שָׁאוּל וְהָעָם עַל אֲגָג וְעַל מֵיטַב הַצֹּאן וגו׳. וַיָּבֹא שְׁמוּאֵל וגו׳. וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל וּמֶה קוֹל הַצֹּאן הַזֶּה בְּאָזְנָי וגו׳. וַיֹּאמֶר שָׁאוּל מֵעֲמָלֵקִי הֱבִיאוּם וגו׳ לְמַעַן זְבֹחַ לַה׳ אֱלֹקֶיךָ וגו׳. וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל הַחֵפֶץ לַה׳ בְּעֹלוֹת וגו׳. כִּי חַטַּאת קֶסֶם מֶרִי וְאָוֶן וּתְרָפִים הַפְצַר וגו׳. וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל שְׁמוּאֵל חָטָאתִי וגו׳ כִּי יָרֵאתִי אֶת הָעָם וָאֶשְׁמַע בְּקוֹלָם.]

## דיוקים בגמרא: שדרש שאול המלך קל וחומר מעגלה ערופה

לאָמיר זען, אין די היינטיגע הפטורה שטייט דאָך ווי דער בורא כל עולמים האָט געשיקט שמואל הנביא, און דערנאָך האָט שמואל הנביא געשיקט דעמאָלטס שאול המלך, לְהַחֲרִים את עמלק. שטייט, וַיָּבֹא [שָׁאוּל] עַד עִיר עֲמָלֵק וַיָּרֶב בַּנָּחַל.

KolSatmar.com

דרש׳נט די **גמרא** אין יומא דף כב:, ״וַיָּרֶב״ בַּנָּחַל, שֶׁעָשָׂה מְרִיבָה עם קונו[ד]. [בַּנָּחַל, עַל עִסְקֵי נָחַל].

[בְּשָׁעָה שֶׁאָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְשָׁאוּל ״לֵךְ וְהִכִּיתָ אֶת עֲמָלֵק״, אָמַר], ער האָט גע׳דרש׳נט אַ קל וחומר פון עֶגְלָה הָעֲרוּפָה [דכתיב (דברים כא, ד) וְעָרְפוּ שָׁם אֶת הָעֶגְלָה] בַּנָּחַל. [אמר] מַה-דאָך אויף איין נפש האָט די תורה הקדושה געזאָגט יבוא עֶגְלָה הָעֲרוּפָה בַּנָּחַל, כָּל הַנְּפָשׁוֹת האלו עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה. ואִם אָדָם חָטָא, בְּהֵמָה מַה חָטְאָה. אִם גְּדוֹלִים חָטְאוּ, קְטַנִּים מַה חָטְאוּ. יָצְאָה בַּת קוֹל [ואמרה לו] ״אַל תְּהִי צַדִּיק הַרְבֵּה״ (קהלת ז, טז).

לכאורה דער מאמר חכמינו ז״ל אין די גמרא איז דאָך הַפְלֵא וָפֶלֶא.

**יא**

**קושיא ז**

*איך אפשר לדרוש ״קל וחומר״ נגד ציווי המפורש מנביא שהוא כדברי תורה?*

**ז)** קודם דאָס גאַנצע ענין אַליין [שדרש קל וחומר].

וויאַזוי איז עפּעס מעגליך [לדרוש קל וחומר על זה]?, אַז ער האָט געהאַט אַ ציווי דורך אַ נביא [צו] אים בפרטיות, ווי קאָן מען דאָס דרש׳נען אַ קל וחומר אַקעגן אַ זאַך וואָס ס׳איז בפירוש געזאָגט געוואָרן דורך אַ נביא.

די נביאים [איז דאָך] **דברי קבלה כדברי תורה**[ה].

מ׳קען נאָר דרש׳נען אַ קל וחומר אויף אַ זאַך וואָס מ׳ווייסט נישט, וואָס ס׳איז נישט מבואר [בתורה ובנביאים] פאַרקערט, [אָבער] אַז מ׳זאָגט פאַרקערט, ווי קען מען דרש׳נען אַ קל וחומר, ס׳איז דאָך אינגאַנצן הַפְלֵא וָפֶלֶא.

**יב**

**קושיא ח**

*גם עצם הק״ו מעגלה ערופה אינו מובן, דהלא על הריגת עמלקים אין מביאים עגלה ערופה ואדרבה מחויבים לְאַבְּדָם*

**ח)** און דערנאָך ווי קומט עפּעס אַ קל וחומר.

ער איז דאָ געגאַנגען ״עמלקים״ הרג׳נען, לערנט ער אַ קל וחומר פון ״עגלה ערופה״?, עגלה ערופה איז דאָך נאָר אויף אַ ״נפש מישראל״[ו].

אויף **אַ נפש עמלקי** קומט טאַקע נישט קיין עגלה ערופה. אדרבה פאַרקערט מ׳איז דאָך גאָר מחוייב [להרגם], **מ׳איז מחוייב וואו מ׳טרעפט איינעם מ׳זאָל אים מְאַבֵּד זיין מן העולם.**

[מילא] קאָן מען אַרויסלערנען אַ קל וחומר [מעגלה ערופה] **אויף אַ נפש מישראל.** [אָבער] ווי קאָן מען אַרויסלערנען אַ קל וחומר אויף עמלקים.

---

[ד] **לשון המהרש״א.** ומקורו בשבת (נו:), שדרשו על הפסוק (דהי״א ח, לד) וּבֶן יְהוֹנָתָן מְרִיב בָּעַל, וכי מְרִיב בָּעַל שמו, והלא מְפִיבֹשֶׁת שמו, אלא מתוך שעשה מריבה עם בעליו [הקב״ה], יצתה בת קול ואמרה לו, נַצָּא בַּר נַצָּא [היינו בעל ריב, יהונתן, בן בעל ריב, שאול המלך]. נַצָּא הא דאמרן, בַּר נַצָּא דכתיב וכו׳ וַיָּרֶב בַּנָּחַל, עַל עִסְקֵי נָחַל.

[ה] ר״ה יט. וברש״י (ישעי׳ נא ד) על הפסוק כי תורה מאתי תצא, דברי נביאים תורה הוא.

[ו] כן כתב **במנחת חינוך** (תקל, כה). וכן משמע בסוטה (דף מו.) אמר הקב״ה יבא דבר שלא עשה פירות וכו׳ ויכפר על מי שלא הניחו לעשות פירות. מאי פירות וכו׳ ״מצות״, [ועכו״ם אינם מחובים במצות]. ובאמת מקרא מפורש הוא שנאמר (דברים כא, ח) כַּפֵּר לְעַמְּךָ ״יִשְׂרָאֵל ״ וגו׳ וְאַל תִּתֵּן דָּם נָקִי ״בְּקֶרֶב עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל״.

KolSatmar.com

יג

**קושיא ט**

בעיון יעקב הקשה: הלא יכול ללמוד מעצם איסור רציחה,
ואם תאמר שאין בהם איסור רציחה, אם כן הלא גם אין חיוב עגלה ערופה

ט) עקסטערדעם פרעגן זיי נאָך, ווי דער שבות יעקב[ז] פרעגט, אין **עיון יעקב** פרעגט ער דאָך, לעולם אַז ער האָט געוואָלט [ללמוד שלא להרגם] האָט ער דאָך געקאָנט פון די תורה, אַ פסוק לֹא תִּרְצָח, טָרַח [וְאַיְיתִי קַל וָחֹמֶר לְקְרָא], האָט ער דאָך געקאָנט פון דאָרט פרעגן [ולמה הוצרך ללמוד רק מן קל וחומר, במקום שהוא בכתוב להדיא].

אלא מאי וועסטו זאָגן אַז ס'איז אַ חילוק, אַז דאָ גייט עס נישט אָן דער לֹא תִּרְצָח ביי עמלקים. נו מילא איז דאָך פון דאָרט [מעגלה ערופה] אויך נישט קיין ראיה, זיין ראיה פון עגלה ערופה איז דאָך אויכעט נאָר, ביי אַזאַ נפש וואָס ס'גייט אָן דערויף לֹא תִּרְצָח אַז מ'הרג'עט אים. איז דאָך עס פונקט די זעלבע, וואָס מוז ער גיין ביז אַהין ביז צו עגלה ערופה מיט'ן קל וחומר, ס'העט דאָך גראָדער זיין [ללמוד] פון לֹא תִּרְצָח.

יד

**קושיא י**

און דערנאָך וואָס ער פירט אויס ווייטער **אִם אָדָם חָטָא, בְּהֵמָה מַה חָטְאָה.**

מבואר במהרש"א דבְּהֵמָה מַה חָטְאָה אינו מה"קל וחומר" רק "סברא" בעלמא

[ולכאורה קשה] אויף דעם [שלא להרוג בהמה] איז דאָך אודאי נישטאָ קיין קל וחומר [מעגלה ערופה].

נאָר דאָס קען מען זאָגן, אַז דער בְּהֵמָה מַה חָטְאָה, דאָס איז שוין נישט פונעם "קל וחומר", דאָס זאָגט ער [שאול המלך] שוין אַ "סברא" אַליין. [אזוי] זעט דאָך אויס, דער **מהרש"א** זאָגט דאָך אַזוי.

[ומביא ראיה] מ'זעט דאָך אין שבת דף נו[ח] ברענגט רש"י דעם מאמר, לאָזט ער טאַקע אויס דעם בְּהֵמָה מַה חָטְאָה.

ער זאָגט סתם [מ"סברא" דבהמה מה חטאה], ווייל אויף דעם איז נישטאָ קיין קל וחומר, דעס האָט ער שוין אַן עקסטערע זאַך מכח סברא געזאָגט, דער קל וחומר גייט נאָר אַרויף אויף דעם, אויף "כל הנפשות האלו" על אחת כמה וכמה.

אבל אכתי קשה איך יתכן לומר "סברא" של בְּהֵמָה מַה חָטְאָה כנגד ציווי מפורש של נביא?

יא) אָבער על כל פנים איז דאָך שווער די אַנדערע קשיא [קושיא ז' איך אפשר לדרוש "קל וחומר" נגד ציווי מפורש של נביא, קשה גם על "סברא" בְּהֵמָה מַה חָטְאָה, דאיך שייך לדרוש "סברא" נגד ציווי מפורשת מפי הנביא].

---

[ז] ספר **עיון יעקב** על העין יעקב, חיברו הגאון רבי יעקב ריישר זצ"ל, בעמח"ס חק יעקב, תורת השלמים, מנחת יעקב, ושו"ת שבות יעקב.

[ח] **ברש"י** (שבת נו: ד"ה על עסקי נחל) וז"ל, ומה על נפש אחת אמרה תורה הבא עגלה ערופה בנחל, נפשות הללו על אחת כמה וכמה, אם גדולים חטאו, קטנים מה חטאו.

KolSatmar.com

טו

קושיא יא

לאיזה צורך דרש קל וחומר אודות הקטנים, ולא מצינו שחמל על הקטנים

יא) נאָך איז שווער, ער פירט אויס [אם גדולים חטאו] **קְטַנִּים מַה חָטְאוּ**.

און צום סוף געפינט מען גאָרנישט, ער האט גאָרנישט [אָפּגעשווינט די קטנים רק הצאן], די קטנים האָט ער גאָר אויסגע'הרג'עט פון די עמלקים. ס'שטייט נישט דאָרט אין פסוק נאָר [וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל] וּמֶה קוֹל "הַצֹּאן" הַזֶּה בְּאָזְנָי. ער האָט איבערגעלאָזט צֹאן אויף קרבנות, און אֲגַג האָט ער איבערגעלאָזט, קיין קְטַנִּים זענען נישט געבליבן. ס'שטייט דאָך אַרויס וכל הַיּוֹתֵר הֶחֱרַמְנוּ, זאָגט ער אַרויס בפירוש אין פסוק, נאָר דעס האָט ער איבערגעלאָזט, אֲגַג און די צֹאן. וואָס דען זאגט עפּעס, וויל עפּעס די גמרא האָבן, וויל ער עפּעס דאָרט האָבן פון די קְטַנִּים, אַז ער האָט מפלפל געווען איבער קְטַנִּים.

טז

קושיא יב

ובאמת קשה למה הוצרך עיקר הקל וחומר על "כל הנפשות האלו", הלא הרג כולם ולא השאיר רק את אֲגַג והַצֹּאן

יא) און דערנאָך איז דאָך שווער, ס'האַלט דאָך נישט אויס דאָס גאַנצע [לימוד הקל וחומר]. ער האָט געלערנט אַ קל וחומר אויף די [כל] "נפשות" האלו, און ער האָט זיי דאָך באמת האָט ער זיי אויסגע'הרג'עט, ער האָט געטון כל הַיּוֹתֵר הֶחֱרַמְנוּ, ער האָט דאָך נישט איבערגעלאָזט נאָר אֲגַג'ן, און די בהמות האָט ער איבערגעלאָזט אויף קרבנות, ער האָט דאָך ניטאָמאָל אַזוי געטוהן [כדרשת הקל וחומר], ווי קען איך זאָגן ער האָט [תחלה] גע'דרש'נט דעם קל וחומר.

יז

קושיא יג

בגמרא נראה דמה שלא הרג את אגג והצאן הוא מכח הקל וחומר, וא"כ למה אמר לשמואל הנביא תירוץ אחר?

יג) און דערנאָך איז שווער, ער האָט דאָך פאַר שמואל הנביא'ן נישט געזאָגט אַזוי, ער האָט דאָך געזאָגט [כִּי] יָרֵאתִי אֶת הָעָם וָאֶשְׁמַע בְּקוֹלָם, נו האָט דען דאָס פאָלק גע'דרש'נט דעם קל וחומר [דנימא דע"ז קאי מה שאמר ואשמע "בקולם"].

דאָ [בגמרא] זאָגט ער, אַז ער האָט אַליין גע'דרש'נט אַ קל וחומר, און דאָ [בפסוק] זאָגט ער אים גאָר אַנדערש אַז יָרֵאתִי אֶת "הָעָם" ער האָט זיך געפאָרכטן פאַר'ן פאָלק וָאֶשְׁמַע "בְּקוֹלָם", איז דאָך עס גאָרנישט דעס גאָר.

האָט ער דען חלילה געקענט פאָפּן שמואל הנביא?, איז דען אַ הוה אמינא בעולם אַז שאול המלך האָט אים געזאָלט זאָגן אַנדערש וויאַזוי ס'איז, דאָ האָט ער דאָך געזאָגט אַז ער האָט גע'דרש'נט אַ קל וחומר, און דעס [יָרֵאתִי אֶת הָעָם] איז גאָר אַנדערע דיבורים, ס'איז גאָרנישט דעס.

יח

קושיא יד

להבין הבת קול שאמרה אל תהי "צדיק" הרבה, וכי איזה "צִדְקוּת" היה כאן בזה שעבר על דברי הנביא

יד) דערנאָך איז שווער, ס'איז יָצְאָה בַּת קוֹל **אַל תִּצְדַּק הַרְבֵּה**.

לכאורה ער האָט דאָ גע'דרש'נט אַ קל וחומר, ער האָט נישט געפאָלגט דעם נביא, מ'האָט געהייסן הרג'נען עמלק'ן, און ער האָט געטוהן פאַרקערט.

KolSatmar.com

וואָס איז טייטש [אַל תִּצְדַק], כ'מיין דאָס איז עפּעס אַ "צִדְקוּת" איז דערינען? "אל תצדק הרבה"?, ס'איז אַן עבירה געוועזן! ער האָט צופיל צִדְקוּת? וואָס איז דער צִדְקוּת?! ס'איז גאָר פאַרקערט, ער האָט געטוהן וואָס מ'טאָר נישט.

די תורה הקדושה האָט געהייסן אים אַז מ'זאָל הרג'נען עמלק'ן, מ'האָט 'אים' דירעקט געשיקט, און ער האָט נישט אַזוי געטוהן. אין דעם ליגט דאָך נישט קיין צִדְקוּת, וואָס פאַר אַ צִדְקוּת זעט מען אין דעם. אַזוי ווי אין פשטות ווען מ'לערנט די גמרא, וואָס איז שייך אויף דעם צו זאָגן אַל תִּצְדַק הַרְבֵּה?

**יט**

**קושיא טו**

להבין מה שאמר לו שמואל הנביא חַטַּאת קֶסֶם מֶרִי וְאָוֶן וּתְרָפִים הַפְצַר,
דמי שעובר עבירה הוא כקוסם קסמים, ומי שמוסיף על דברי הנביא הוא כמו עובד עבודה זרה

טו) דערנאָך איז שווער, וואָס שמואל הנביא האָט אים דערנאָך מוכיח געוועזן, ער האָט [בתחלה] געזאָגט מֶה קוֹל הַצֹּאן הַזֶּה בְּאָזְנָי, האָט ער [שאול המלך] געזאָגט [שהם] אויף קרבנות [לִזְבֹּחַ לַה'], זאָגט ער [וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל הַחֵפֶץ לַה' בְּעֹלוֹת הִנֵּה שְׁמֹעַ מִזֶּבַח טוֹב. און ער פירט אויס: **חַטַּאת קֶסֶם מֶרִי וְאָוֶן וּתְרָפִים הַפְצַר.**

זאָגט דער **תרגום** און **רש"י** און דער **רד"ק** טייטשן זיי דעם פשט [של חַטַּאת קֶסֶם מֶרִי], **פונקט** אַזוי ווי אַ קֶסֶם, דער וואָס ער איז קוֹסֵם קְסָמִים להנאתו, אַזוי ווען מ'טוט אַן אַנדערע עבירה להנאתו גלייבט מען נישט אין באַשעפער, איז אַזוי ווי דער וואָס ער איז שואל בקסמים.

און ווידער **וְאָוֶן וּתְרָפִים**, אַזוי ווי אַן עובד עבודה זרה, איז עס אַזוי אַז מ'איז מוסיף[ט] על דברי הנביא און מ'טוט אַנדערש, די וואָס זענען מוסיף דברים אויפן נביא, איז אַזוי ווי אָוֶן וּתְרָפִים, אַזוי איז ער, **פונקט** אַזוי ווי עבודה זרה.

וקשה, איך אפשר לומר על כל עבירה שהוא כמו עבודה זרה

לכאורה איז דאָך עפּעס אַ פלא, עפּעס יעדע עבירה איז גלייך מיט עבודה זרה? האָט מען דאָ געטוהן די עבירה [של ע"ז]?. הערשט פריער האָט מען אים געזאָגט דערויף אל "תצדק" הרבה, ס'איז געווען צו אַ גרויס צִדְקוּת איז געווען דער פעלער, און אַצינד איז עס שוין טאַקע [כמו] "עבודה זרה"?

קען מען דען יעדן עָוֹן מרמז זיין [כעבודה זרה]?

דאָרטן [וואו ס'איז] ווי עבודה זרה, זאָגט די גמרא אַ טעם אויף דעם [ומקור מן הכתוב על חטא פרטי ההוא שנחשב כאילו עובד ע"ז, אבל לא בכלליות על כל החטאים וכפשטות משמעות הכתוב בכאן].

אפילו וואו ס'שטייט "כאילו" עובד עבודה זרה, איז עס אויכעט אויף אַן איידעלן אופן[י].

---

[ט] ופירש"י הַפְצַר, לשון תוספות, וכן וַיִּפְצַר בּוֹ, הִרְבָּה עליו דברים.

[י] וכמו שמביא רבינו כמה פעמים בשם האריז"ל, דאין הכוונה דבעולם הזה נחשב בעון קל כעובד עבודה זרה ח"ו, רק שבעולמות העליונים והגבוהים שם יכול להיות פגם הנקרא כך, דכל מה שהעולם גבוה יותר גם הפגם רישומו ניכר יותר (עי' דבר"י פ' קדושים עמ' קיח, פ' נשא עמ' קסח, פ' שלח עמ' שצט, פ' תצא מהדו"א עמ' ריא, ליום כיפור אות מד). - וע"ע בס"ג יתרו תשכ"ח (נדפס בדברי יואל יתרו ע' יב) שמבאר רבינו באריכות דכל אלו שאמרו רז"ל שהם כאילו עובד עבודה זרה, כגון אלו ד' מאה פרקי שהיו לאברהם אבינו, היו נחשבים

KolSatmar.com

און נאָר דאָרטן [באותן מקומות] אָדער [אַז] איך האָב אַ לימוד פונעם פסוק[יא], אָדער אַ "טעם"[יב], [רק אז יכולים לומר שנחשב כע"ז].

אָבער סתם זאָגן, [אַז] יעדערער עון, יעדע עבירה, אָוֶן וּתְרָפִים איז הַפְצַר? אַז מ'טוט אַנדערש ווי דער נביא, [מ'איז] מוסיף על דברי נביא איז אַזוי ווי עבודה זרה?. סיי-ווי-סיי ווי קומט דאָס צו עבודה זרה?

סיי ווי סיי, וויאַזוי כ'וועל זאָגן דעם פשט פאַרוואָס ער [שאול המלך] האָט עס געטוהן [שֶׁחָמַל על אגג והצאן, יש להבין] וואָס האָט עס דער פסוק עפּעס מְדַמֶּה געווען צו עבודה זרה.

כ
קושיא טז
להבין מה שפירשו מלת הַפְצַר, "שהוסיף" על דברי הנביא, דלכאורה רק היה "גורע" ממנו

טז) און דערנאָכדעם וואָס איז דער **הַפְצַר**, [שפירש"י דהוא לשון תוספות], אַז מ'איז "מוסיף" על דברי הנביא.

לכאורה ער האָט דאָך דאָ נישט "מוסיף" געווען, פאַרקערט ער האָט דאָך "גוֹרֵעַ" געווען, מ'האָט אים געהייסן אַז "אַלעס" [וְאִבַּד וְכִלָּה], ער זאָל נישט איבערלאָזן גאָרנישט, און ער האָט איבערגעלאָזט אֲגַג'ן מיט בהמות, האָט ער דאָך מְמַעֵט געווען, גוֹרֵעַ געווען מדברי הנביא, "הַפְצַר" איז מלשון הוספה, אַ מוסיף על דברי הנביא. ער האָט דאָך נישט מוסיף געווען, ער האָט דאָך נאָר גאָר גוֹרֵעַ געווען.

כא

# ביאורי הדיוקים בהפטורת השבוע

## בהקדם עוד דיוקים בפסוק כִּי יָרֵאתִי אֶת הָעָם

נאָר וואָס מ'קען זאָגן איבער דעם גאַנצן ענין, צו פאַרשטיין דעם גאַנצן מאמר [הגמרא ביומא] פון וַיָּרֶב בַּנָּחַל וואָס ס'איז אַ הַפְלֵא וָפֶלֶא, כ'האָב נישט געזען דערויף קיין פירוש מַסְפִּיק.

נאָר וואָס מ'קען זאָגן אפשר, כ'האָב שוין געזאָגט אַסאַך מאָל[יג] האָב איך געטייטשט דאָס וואָס ס'שטייט דאָ [כִּי יָרֵאתִי אֶת הָעָם].

---

לבחינת עבודה זרה בערך קדושתו הרמה, ולא כתבוהו חז"ל במסכת עבודה זרה שלנו, דלאו כולא עלמא סביל דא, להטיל עליהם חומר עבודה זרה בכל אלו הבחינות, דאם כן לא שבקת חיי לכל בריה בעולם הזה הגשמי, עיי"ש

[יא] וכמו (סוטה ד:) אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחי, כל אדם שיש בו גסות הרוח, כאילו עובד עבודת כוכבים, כתיב הכא תּוֹעֲבַת ה' כָּל גְּבַהּ לֵב, וכתיב התם [בע"ז] וְלֹא תָבִיא תוֹעֵבָה אֶל בֵּיתֶךָ. וכן (פסחים קיח.) כל המבזה את המועדות כאילו עובד עבודה זרה שנאמר אֱלֹהֵי מַסֵּכָה לֹא תַעֲשֶׂה לָּךְ וכתיב בתריה אֶת חַג הַמַּצּוֹת תִּשְׁמֹר. וכן (כתובות סח) כל המעלים עיניו מן הצדקה כאילו עובד עבודת כוכבים, כתיב הכא הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן יִהְיֶה דָבָר עִם לְבָבְךָ בְלִיַּעַל וגו' וכתיב התם יָצְאוּ אֲנָשִׁים בְּנֵי בְלִיַּעַל. וכן שם (קי:) לענין היוצא מא"י לחוץ לארץ. וכן בסנהדרין (צב.) לענין המשייר פתיתים על שלחנו, ולענין המחליף בדיבורו. וכן במכות (כג.) לענין המבזה את המועדים.

[יב] כמבואר בספרים הקדושים בביאור מאמרי הגמרא הנ"ל, שכתבו סברות וטעמים על חטאים פרטיים אלו למה הוא דומה לענף ע"ז.

[יג] בדרשת הו"ר תשי"א, וס"ג יתרו תשי"ג, וע"ע בס"ג ואתחנן תשכ"ב.

KolSatmar.com

כב

**קושיא יז**

האיך יתכן ששאול המלך התיירא מהעם, והלא היה מלך ושליט עליהם

יז) לכאורה איז דאָך נישט צו פאַרשטיין, ער האָט געזאָגט כִּי יָרֵאתִי אֶת הָעָם וָאֶשְׁמַע בְּקוֹלָם.

[וקשה וכי] שאול המלך האָט מורא געהאַט פאַר'ן פאָלק? ער איז דאָך געווען אַ מלך [ושליט בהם, ומי יאמר לו מה תעשה, וכדמצינו בגמרא (בבא בתרא ג:)] אִי אָמַר מַלְכוּתָא אִיעֲקַר טוּרֵי[יד] [עָקַר טוּרֵי וְלָא הָדַר בֵּיהּ]. וואָס האָט ער, ער האָט עפּעס מורא געהאַט פאַר'ן פאָלק?

גם קשה להבין למה יעשו העם מרידה אודות כמה צאן?
וכלום חסר מבית המלך והיה יכול ליתן להם משלו?

איבערהויפּט דאָס, [שהמדובר היה רק] אַז ער זאָל איבערלאָזן אַביסל בהמות, [וכי] כְּלוּם חָסַר מִבֵּית הַמֶּלֶךְ, ער האָט נישט געקאָנט מַשְׁלִים זיין די בהמות פון ערגעץ אַנדערש?

או למה יעשו מרידה אודות אֲגַג?

ער האָט איבערגעלאָזט דעם איינעם מענטש דעם אֲגַג'ן, וואָס האָבן זיי דער פאָלק געהאַט אַזאַ מסירת נפש פאַר דעם אֲגַג'ן[טו]?

והאם יעשו מרידה אודות הצאן שנשאר לקרבנות, וכי עד כדי כך השתוקקו לקרבנות שהיה צריך לירא מהם?

זיי האָבן געהאַט אַזאַ מסירת נפש פאַר די בהמות, אַז זיי זאָלן מורד זיין במלך? זיי זאָלן אויפשטיין [כנגדו], זיי זאָלן האָבן אַזאַ כח מְקַשֵׁר צו זיין [את העם] מורד זיין במלך וועגן די בהמות וואָס ער האָט איבערגעלאָזט?

ער האָט דאָך נישט איבערגעלאָזט עפּעס אַנדערש, ס'שטייט דאָך גאָרנישט קיין כסף וזהב און גאָרנישט.

נאָר קוֹל הַצֹּאן הַזֶּה, וואָס זענען געבליבן אויף קרבנות דירעקט, איז דאָך עס נאָר געווען אויף קרבנות, זיי האָבן [דען] אַזוי משתוקק געווען אויף קרבנות? ס'איז געווען יָרֵאתִי אֶת הָעָם.

כג

## ביאור ענין כִּי יָרֵאתִי אֶת הָעָם, וסברת שאול המלך בהשארת אגג

**האָב איך שוין אַסאַך מאָל געזאָגט וואָס ס'איז לפי דעתי דער פשט.**

גמר מחיית עמלק יהי' בדורו של משיח, ונמצא דבזה תלוי הגאולה

**דאָס איז דאָך אַמאָל געווים [=זיכער], מְחִיַּת עֲמָלֵק איז תלוי מיט דער גאולה.** אַזוי שטייט דאָך, דאָס [גמר מחיית עמלק בשלימות] וועט הערשט זיין לעתיד.

[אַזוי ווי] חכמינו ז"ל האָבן גע'דרש'נט (מכילתא פרשת עמלק ב. תנחומא תצא יא) מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק מִדֹּר דֹּר (שמות יז, טז), **מדורו של משה עד דורו של משיח.**

---

[יד] פירוש, כשהמלכות אומרת "אני עוקר הרים", היא אכן עוקרת הרים, ואינה חוזרת בה.

[טו] בס"ג ואתחנן תשכ"ב מוסיף רבינו: בימי שמואל הנביא, דאָס פאָלק איז אויך נישט אַזוי שלעכט געווען, ס'איז נישט געווען אַזאַ שלעכט דור.

KolSatmar.com

ססטייט[טז] נשבע השי״ת שאין שמו שלם וכסאו שלם [עד שימחה זרעו של עמלק], דעמאָלטס וועט זיין שמו שלם וכסאו שלם, ווען ס'וועט זיין מחיית עמלק.

קומט דאָך אויס לויט דעם, דער גמר מחיית עמלק וועט זיין נאָך ביאת המשיח. איז דאָך תלוי אין דעם, די גאולה.

**כד**

שאול המלך ראה ברוה״ק שאי אפשר להיות גמר מחיית עמלק "בימיו", מכח ב' טעמים:

**טעם ראשון:** שאם יהיה הגאולה בימיו, יהיו החבלי משיח קשים מאוד.

און שאול המלך האָט געזען - ער האָט דאָך געזען ברוח קדשו - אַז מ'איז ממהר די גאולה [על ידי מחיית עמלק], אַז ס'העט געווען בימיו די גאולה, העט געווען באופן נורא די חבלי משיח[יז].

אַזוי ווי ס'איז געגוג געווען [אף] נאָכ'ן אריכות הגלות בעונינו הרבים, די קולות מיט די יללות, פון נפשות ישראל, ביי די גזירות רעות.

ער האָט געזען, איבערהויפּט נאָך דעמאָלטס [בימיו, קודם אריכות הגלות], העט דאָך נאָך שווערער געווען [החבלי משיח אם היה הגאולה אז בדורו], טאָמער אַז ס'איז לֹא זָכוּ[יח].

**טעם שני:** כי עדיין היה צריך להיות הנס פורים

און דער אמת האָט עס דאָך טאַקע נישט געברויכט צו זיין [הגאולה עוד בימיו, ובפרט] ס'האָט דאָך נאָך געברויכט זיין די ימי הפורים, ווען מ'העט געווען גע'הרג'עט אֲגַג'ן העט דאָך שוין נישט געווען קיין פורים מער, המן איז דאָך אַרויסגעקומען פון אֲגַג, הָמָן "הָאֲגָגִי", איז דאָך אַזוי געווען דער אמת [שעדיין לא היה צריך להיות הגאולה בימיו].

**כה**

**ביאור קושיא יז**

שאול המלך לא נתיירא "מן" העם, רק "על" העם ועבורם

אָבער קודם דאָס קען זיין [בביאור קושיא יז, ולפי טעם הא'].

שאול המלך האָט געזען ער וועט דאָ אָפּטוהן אַ זאַך, צודרוקן די גאולה ווען ס'איז נאָכנישט דער זמן, ער וועט דאָ טאָן אַ זאַך וואָס ס'וועט ברענגען די גאולה, וועט זיין גרויסע גזירות, ביטערע חבלי משיח. האָט ער 'שוין' געהערט די יללות און די קולות.

---

[טז] **ברש״י** (בשלח יז, טז) והוא מהתנחומא (ס״פ תצא)

[יז] וזלש״ק של רבינו (בס״ג ואתחנן תשכ״ב): דער אמת די גאולה פאר'ן זמן, ס'איז דאך ידוע אז דער רבי ר' מענדעלע [מרימינוב] האט געוואלט בימיו ברענגען משיח'ן, דעמאלטס ביי דער מלחמה פון נאפאליאן, און ס'איז ידוע וואס דער ראפשיצער רב האט געזאגט, אז די בערג וועלן זיין פיל מיט אידיש בלוט מ'קען עס נישט צולאזן, און רבי מענדעלע האט געזאגט "אפילו! אף על פי כן, מוז מען אויך שוין איינמאל עס דורכברעכן אפילו ס'וועט דאס ברענגען ח״ו. איז געווען זייער פלוגתא איז באשטאנען אין דעם, אז ס'איז אסאך שפיכת דמים ווען ס'איז פאר די צייט, און דער רבי ר' מענדעלע האט געהאלטן אז ס'איז שוין דער זמן, דאס איז געווען די פלוגתא, אונז פארשטייט מיד נישט, מי בא בסוד ה'. עכ״פ ווען ס'איז פארן זמן איז א סכנה ווייל ס'קאסט חלילה נפשות.

[יח] **במהרש״א** (סנהדרין צח.) הא דאמר זכו אֲחִישֶׁנָּה לא זכו בְּעִתָּהּ, היינו זכו שיעשו תשובה רצונית, אֲחִישֶׁנָּה, לא זכו שלא יעשו תשובה רצונית, בְּעִתָּהּ, שיעמיד לעת הגאולה עליהם מלך כהמן שעי״ז יעשו תשובה. וכ״כ האלשיך (שה״ש ז, ז) וז״ל, כי אין חבלי משיח רק על היות הדור חייב.

KolSatmar.com

דאָס האָט שאול המלך געזאָגט, **כִּי יָרֵאתִי אֶת הָעָם**, ס'קאָן זיין אפילו ס'וועט בלייבן אפשר בני עלייה יחידי סגולה, אָבער יָרֵאתִי אֶת "הָעָם", וואָס וועט זיין מיט דעם גאַנצן פאָלק, אַז מ'וועט שוין צוטרייבן די גאולה נאָך בימיו, **וָאֶשְׁמַע "בְּקוֹלָם"**, איך הער די קולות פון די חבלי משיח און די יללות, פון דעם האָט זיך שאול המלך געפאָרכטן.

**כו**

המשך טעם השני: כי היה עוד לפני התגלות "מגילת אסתר" ויו"ט פורים

און דער אמת איז אַזוי געווען, ס'האָט דאָך טאַקע נאָכנישט געקענט זיין. וואָרן לעולם איז דאָך די מגילה [חלק מהתורה].

ווי דער **ירושלמי** זאָגט (מגילה פ"א ה"ה) די מגילה האָט מען געגעבן אויפ'ן באַרג סיני פאַר משה רבינו'ן, אלא שאין מוקדם ומאוחר בתורה, דאָס איז אַ חלק תורה די מגילה וואָס אידן ליינען, דאָס האָט מען געגעבן אויפ'ן באַרג סיני, און ס'שטייט דאָרטן די גאַנצע מעשה מיט המן'ן.

[ואם כן] ווען ער העט גיוועין גע'הרג'עט אֲגַג'ן, העט דאָך געווען אויס מיט דער מגילה, אויס מיט דעם חלק תורה, [והרי אמרו חכז"ל] אם גם **כָּל הַמּוֹעֲדִים יִהְיוּ בְּטֵלִים** – [ולומדין מפסוק (אסתר ט, כח)] **וְזִכְרָם לֹא יָסוּף מִזַּרְעָם**, - **יְמֵי הַפּוּרִים לֹא נִבְטָלִים** (לשון היוצר בפרשת זכור לפני קדושה. ומקורו במדרש שוח"ט משלי ט, ב).

**כז**

דער זיידע דער **ישמח משה**[יט] זאָגט דאָך, אַז מ'האָט עס איבערגעגעבן [מגילת אסתר] לראשי הדור, די ראשי הדור האָבן געוואוסט אין יעדן דור.

[וזה שכתוב] **וּמָרְדֳּכַי יָדַע אֶת כָּל אֲשֶׁר נַעֲשָׂה**, מרדכי האָט געהאַט די גאַנצע מגילה, ס'איז נאָר געווען **לְפָנִים** דאָס וואָס ער האָט געמאַכט דעם **וַיִּקְרַע מָרְדֳּכַי אֶת בְּגָדָיו**, ער האָט געוואוסט דעם אמת.

**כח**

און אַזוי איז עס געגאַנגען כסדר דור אחר דור.

קאָן זיין, שאול המלך, ער האָט דאָס גאָר אויך געזען [המגילת אסתר], און ער האָט געוואוסט אַז דאָס ברויך צו זיין [להשאיר עוד את אגג עד שיוכל לצאת ממנו המן].

אָבער אויף אַלענפאַלס האָט ער דאָך געזען דעם אמת אַז ס'האָט געמוזט בלייבן, אֲגַג האָט געמוזט בלייבן, ס'זאָל אַרויסקומען דער המן, וואָס דורכדעם האָבן די אידן הדר וקבלוה בימי אחשורוש (שבת פח.), ס'איז נאָכאַמאָל געווען מתן תורה וואָס דאָס האָט גורם געווען.

---

[יט] **בישמח משה** (תרומה): הענין הוא, דבאמת דבימי מרדכי ואסתר היו צריכים לתשובה גדולה וכו' ואם היה נגלה מקודם נפילת המן, בודאי מורא לא היה עולה על ראשם מגזירת המן, וממילא לא היה סיבה המביאם לעשות תשובה. לזה נסתר מהמון בשעת מתן תורה, ולא נמסר רק למשה לבדו והוא מסרה ליהושע, וכן כל ראש הדור מסר זה בדרך סוד לראש הדור שלאחריו עד מרדכי וכו'. ומרדכי אשר היה אז ראש הדור, באמת לא פחד ולא היה ירא מגזירת המן, ומה שהרעיש כל כך, לא היה רק לנגד ההמון עם, כדי שיעשו תשובה בלב שלם וכו' אבל הוא בעצמותו ידע שפיר כנ"ל. (ועיין ישמח משה על נ"ך במגילת אסתר).

KolSatmar.com

**און עקסטערדעם דער כח פון פורים איז אַ נצחיות, דאָס פעלט דאָך אויס פאַר אידן דור אחר דור.**

דאָס וואָס איז געבליבן, די אַלע ענינים וואָס מ׳האָט געמאַכט ברוח הקודש, דאָס האַלט דאָך אויף דעם כלל ישראל.

**די אַלע השפעות וואָס זיי קומען אין די טעג, דאָס קאָן מען דאָך נישט מַשִּׂיג וּמְשַׁעֵר זיין.**

ממילא איז דאָך דאָס אַ הכרח, ס׳האָט געברויכט זיין צווישן אידן [כח הנס פורים], און דאָס העט ער אַלעס גיוועזן מבטל געוועזן ווען ער הרג׳עט אֲגַג׳ן.

כט

## ביאור פגם שאול המלך בהשארת ״אגג״, אף שעשה על פי רוח הקודש

נאר וואָס דען, מ׳האָט אים דאָך געהייסן דער נביא, [וצ״ב כוונת הציווי]?

[אמנם הענין יובן, אַזוי ווי] איך האָב שוין דאָס לאַנג מסביר געוועזן כמה פעמים[ל].

אַזוי ווי ביי אברהם אבינו, מ׳האָט אים געהייסן ברענגען יצחק׳ן אויף די עקידה, און דער שטן האָט אים געזאָגט דאָס איז נישט קיין אמת, [ואמר ליה וְאֵלַי דָּבָר יְגֻנָּב, כך שמעתי מאחורי הפרגוד] הַשֶּׂה לְעֹלָה ולא יצחק. האָט אים אברהם אבינו געענטפערט, כך עונשו של בַּדַּאי, אפילו כשאומר אמת אין מאמינים לו (סנהדרין פט:).

לכאורה וואָס הייסט [כשאומר אמת אין שומעין לו], ממה נפשך, אַז ער זאָגט אמת איז דאָך אמת, וואָס הייסט אין מאמינים. זאָגט ער נישט אמת, איז דאָך עס נישט אמת, וואָס זאָגט ער אים [דאָ].

נאָר וואָס דען, ער [אברהם אבינו] האָט געזען [אַז] ער [השטן] איז גערעכט, ער האָט אָבער געוואוסט דער בורא כל עולמים האָט אים אַזוי געזאָגט [לעקוד את יצחק], טאָר ער נישט מְשַׁנֶּה זיין, מוז ער אַזוי טוהן, ער טאָר זיך נישט מתחכם זיין אפילו ער זעט דעם אמת. [ועוד כין] וויבאַלד אַז ס׳שטאַמט אָבער פונעם שטן, האָט ער געוואוסט אַז דער בורא כל עולמים האָט אים אַזוי געזאָגט און דער שטן זאָגט אים אַנדערש, מוז ער טוהן [כמו שצוה הבוכ״ע].

און דער אמת איז דעך דאָך אַזוי געוועזן [הַשֶּׂה לְעֹלָה ואין יצחק לעולה], ס׳איז די לעצטע רגע בטל געוואָרן.

ל

[ובזה פירשתי הענין] אַזוי איז אודאי מיט אֲגַג׳ן.

דער בורא כל עולמים האָט געהייסן שאול המלך, ער זאָל דאָס טוהן [לֵךְ וְהִכִּיתָה אֶת עֲמָלֵק], האָט ער דאָס געברויכט צו טוען.

דאָס איז אַמאָל אַזוי ווי ס׳האָט געדאַרפט צו זיין די ׳מעשה׳ פון אברהם אבינו, ס׳האָט אויסגעפעלט די עבודה זיינע, כאָטשיג יצחק האָט נישט

---

[ל] ומהם בר״ה שנת תשי״א (נדפס בדברי יואל לר״ה אות פ״ז), ובדרשת הושענא רבא תשי״א, עיין שם בדברות קודש. ועי׳ גם בס״ג שלח תשי״ד, ונדפס בדברי יואל (עמוד שמה).

KolSatmar.com

געדאַרפט חלילה ער זאָל נשחט ווערן, אָבער די ׳עבודה׳ זיינע [של אברהם] האָט [אויס]געפעלט.

אַזוי די זעלבע זאַך איז געווען ביי שאול המלך, אֲגַג האָט מען טאַקע נישט געברויכט הרג׳נען, אָבער זיין ׳עבודה׳ האָט געפעלט.

און ווען ער העט עס גיוועז געטוהן, די לעצטע רגע העט עס גיוועז נשתנה געוואָרן אויף אַן אופן, ווייסט מען נישט וויאַזוי, ווייל ס׳איז דאָך נישט געשען. אָבער ער [אֲגַג] האָט גיוועז געדאַרפט צו בלייבן.

נאָר ער [שאול המלך] האָט אָבער נישט געטאָרט [למנוע עצמו עבור זה, ער האָט] דאָס נישט געטאָרט זען [להביט על זה], אפילו ער האָט געזען [ברוח קדשו], ער האָט דאָס געזען אַז אֲגַג מוז בלייבן, אָבער אפילו ער האָט דאָס געזען, האָט ער נישט געטאָרט מְשַׁנֶּה זיין, ווייל אַז די נבואה האָט אים אַזוי געזאָגט טאָר מען נישט מִתְחַכֵּם זיין. ער האָט געזוכט ער האָט געזען דעם אמת אַז ניין [שאינו הזמן], האָט ער זייער מורא געהאַט פאַר׳ן דרך האמת, בגודל צדקתו האָט ער נישט געקאָנט טאָן אַ זאַך וואָס ער האָט געזען אַז ס׳איז נישט אמת.

אָבער ס׳איז אָבער ׳דאָך׳ נישט אַזוי, אַז מ׳האָט אים אַזוי געזאָגט, האָט ער נישט געטאָרט מִתְחַכֵּם זיין, דער בורא כל עולמים ווייסט שוין דעם דרך, די לעצטע רגע העט עס גיוועז בטל געוואָרן.

אָבער על כל פנים דאָס איז אַלעס געווען בלויז צִדְקוּת מיט אמת.

לא

ס׳איז אָבער ׳דאָך׳ געווען אַ חטא אַ פגם, ווייל ס׳האָט ׳דאָך׳ געשטאַמט פונעם שטן, מ׳האָט אים געוואָלט, מ׳האָט אים מעכב געווען פון מקיים צו זיין די נבואה.

הגם שאגג לא היה נהרג אז על ידו, היה נצרך עבודת שאול המלך שירצה להרגו וזה היה מסייע להחליש כח עמלק

[אבל באמת] מ׳האָט געברויכט האָבן די עבודה, [ואם היה עושה כן] על כל פנים מ׳העט עפּעס אויפגעטוהן, צי עפּעס מחליש גיוועז דעם כח פון עמלק׳ן, [דורך] די עבודה זיינע.

אַזוי ווי דער ״זכירת״ עמלק נוצט, אַז הקב״ה האָט געזאָגט עטץ ווען אים געדענקען מלמטה וועל איך מוחה זיין מלמעלה, [כמו כן] האָט מען געברויכט האָבן די עבודה זיינע, ס׳זאָל אים מחליש [זיין], אַזוי ווי ס׳איז געווען וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ.

לב

דער אמת איז, אַז בימי משה רבינו, [כדכתיב: וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל יְהוֹשֻׁעַ בְּחַר לָנוּ אֲנָשִׁים וְ]צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק, איז געגאַנגען משה רבינו מיט יהושע׳ן, קח לָנוּ ״אֲנָשִׁים״ [ופירש״י] ׳צדיקים׳, מ׳האָט אים [עמלק] מוחה געווען, כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל, אף על פי כן שטייט נאָר ״וַיַּחֲלֹשׁ״ [יְהוֹשֻׁעַ אֶת עֲמָלֵק] מ׳האָט אים ׳שוואַך געמאַכט׳, מ׳האָט אים ׳דאָך׳ נישט אינגאַנצן מעביר געווען מן העולם.

[ולכאורה] פאַרוואָס האָט מען דאָס נישט געטוהן דעמאָלטס, דעמאָלטס איז דאָך נישט געווען קיין שום פגם, זיי האָבן דאָך אַלעס אָנגעווענדט אַזוי ווי דער

KolSatmar.com

בורא כל עולמים האָט געהייסן, ס'איז דאָך געווען בדרך נס די גאַנצע מלחמה מיט עמלק'ן, האָט דאָך שוין געקאָנט געשען [שימחה לגמרי], הֵן לֹא קָצְרָה יָדוֹ יִתְבָּרֵךְ[כא] חס ושלום, ס'איז דאָך נישט פאַרהאַנדן אַז מ'זאָל עס נישט קענען אינגאַנצן, נישט קאָנען טאָן בשלימות.

נאָר ס'איז אָבער ס'איז 'דאָך' נאָכנישט געווען די צייט, ס'איז נאָכנישט [געווען] דורו של משיח, מ'האָט נאָך געדאַרפט האָבן פורים בימי מרדכי ואסתר, און אויף לעתיד בימי מלך המשיח, ס'איז נישט געווען די צייט [בימי משה].

אַזוי העט געווען גיווען מיט שאול המלך סיי ווי סיי. נאָר אָבער ער האָט, דער פעלער איז אָבער אַז ער האָט שוין דאָס פון פאָראויס געזען, און ער האָט שוין נישט 'געטוהן'.

**לג**

על כל פנים וועלמיר צוריקגיין צו דעם, ער האָט געזאָגט כִּי יָרֵאתִי אֶת הָעָם.

**ביאור קושיא ח - וקושיא יב**

הקל וחומר לא היה להציל את העמלקים, שעליהם יש חיוב תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק

היצט קאָן זיין דער פשט אַזוי [במאמר הגמרא שדרש שאול ק"ו מעגלה ערופה].

דאָס וואָס ער האָט געלערנט דעם קל וחומר פון עגלה ערופה, מיינט מען נישט די עמלקים, אויף עמלקים האָט ער נישט געלערנט קיין קל וחומר, ער האָט דאָך געוואוסט אַז השי"ת [צוה לאבדם], דער רצון הבורא ברוך הוא איז תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, ס'איז עפּעס אַ דָּבָר שֶׁאֵין לוֹ שַׁחַר[כב] מ'זאָל דאָס אַראָפּלערנען אַ קל וחומר פון אַ אידיש נפש פון עגלה ערופה [על עמלקים, וכקושיא ח].

הקל וחומר למד שלא יגרום עי"ז איבוד נפשות ישראל ח"ו

ער האָט אָבער געזען, אַז ער וועט צודרוקן [למחות עמלק בשלימות], מחיית עמלק איז גיווענדעט אין ביאת המשיח, און ווען ס'וועט זיין 'שוין' ביאת המשיח דעמאָלטס, - ס'איז געווען פאַר די צייט, - וועט זיין ביטערע גזירות, אַסאַך נפשות ישראל חלילה וועלן גיין לאיבוד.

אַזוי ווי מ'האָט געזען, אַז אפילו נאָך דעם אריכות הגלות, דער עון הדור האָט גורם געווען אויף אַזויפיל נפשות מישראל, **און מ'דאַרף נאָך ווייטער רחמי שמים.**

האָט ער געזען, אַז ער וועט דאָס צודרוקן, טאָן אַזאַ זאַך וואָס ס'וועט 'שוין' ברענגען די גאולה, האָט ער געזען אַזויפיל נפשות [יסתכנו בכך. ונמצא כי] אויף די "נפשות ישראל" האָט ער געלערנט אַ קל וחומר פון עגלה ערופה, נישט חלילה אויף די עמלקים, נאָר אויף די [איבוד] נפשות ישראל וואָס דאָס העט גורם געווען.

---

[כא] עפ"י הפסוק (ישעי' נט, א) הֵן לֹא קָצְרָה יַד ה' מֵהוֹשִׁיעַ.

[כב] עפ"י הפסוק (ישעי' ח, כ) אִם לֹא יֹאמְרוּ כַּדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר אֵין לוֹ שָׁחַר. ובמצודות פירוש ענין זוהר ואורה, והוא מלשון אור השחר.

KolSatmar.com

### לד
### ביאור קושיא ט:
מן עגלה ערופה רואין שאסור אף "לגרום" לאיבוד נפשות

איבערדעם איז רעכט, ער לערנט נישט אַראָפּ פון רוצח [מן לֹא תִּרְצָח], ער האָט דאָך נישט חלילה קיין הוה אמינא [געהאַט] צו ׳גיין הרג׳נען׳ נפשות ישראל.

נאָר וואָס דען, ער טוט אַזאַ פעולה [שיכול "לגרום" לאיבוד נפשות].

און ביי עגלה ערופה האָט מען דאָך נאָר געברענגט [לכפר ולומר שאף לא "גרמו" שנהרג, כמו שדרשו (סוטה מו:) על הפסוק יָדֵינוּ לֹא שָׁפְכוּ אֶת הַדָּם הַזֶּה] לא פטרנוהו בלא שתיה ובלא אכילה ובלא לויה, [שלא נמנענו פון] אַזאָלעכע זאַכן וואָס ס׳איז מסוגל מציל צו זיין פון שפיכת דמים.

[והראיה שלא הובא על עצם הרציחה] וואָרן אַז מ׳האָט געטראָפן דעם רוצח [לאחר העריפה (כדלעיל אות י)] האָט מען דאָך אים ווייטער געדאַרפט דן זיין[כג]. דאָס [העגלה הערופה] איז נאָר געוועז ס׳זאָל מכפר זיין [דערווייל].

[והגם כי] יָדֵינוּ לֹא שָׁפְכוּ אֶת הַדָּם הַזֶּה האָט מען געזאָגט ביי די עגלה ערופה, [ואמרו זקני העיר] לא [פטרנוהו] בלא לויה. פונדעסטוועגן [הביאו כפרה], האָט מען אַלץ מורא געהאַט אפשר עפעס [איזה גְּרָם היה להם בזה], עפעס אַ פעולה אַזעלעכע וואָס האָט דאָס "גורם" געוועזן, [צי] וועגן עַרְבוּת, איבערדעם האָט מען געברענגט אַן עגלה ערופה.

איבערדעם האָט ער [שאול המלך] זיך זייער געפאָרכטן אַז ער זאָל נישט טאָן עפעס אַזאַ פעולה וואָס ס׳וועט גורם זיין איבוד נפשות, ער וועט דאָ צוטרייבן די גאולה, ער וועט "גורם" זיין איבוד נפשות, אפילו אַ "גְּרָם" פון איבוד נפשות האָט מען דאָך געברענגט אַן עגלה ערופה.

### לה
### המשך ביאור קושיא ח וקושיא יב
"כל הנפשות האלו" הכוונה לנפשות ישראל

[ומה שאמר] כָּל "הַנְּפָשׁוֹת האלו, דאָס מיינט מען די נפשות "ישראל", וואָס ער האָט געזען פון די חבלי משיח.

ווייל ווען ס׳וועט זיין דער מחיית עמלק בשלימות, מיט די התעוררות פון די גאולה אמיתית [יכול לגרום איבוד נפשות ח"ו], האָט ער געזען די אַלע נפשות חלילה וואָס זיי גייען צוגרונד, האָט ער נישט געוואָלט זיין אין דעם.

[וכעין שאמרו האמוראים] יֵיתֵי וְלָא אַחְמִינֵיהּ[כד], איבערדעם האָט ער נישט געוואָלט זיין אין דעם.

---

[כג] בגמרא (סוטה מז:) תנו רבנן, מנין שאם נערפה העגלה ואחר כך נמצא ההורג, שאין פוטרת אותו? תלמוד לומר וְלָאָרֶץ לֹא יְכֻפַּר לַדָּם אֲשֶׁר שֻׁפַּךְ בָּהּ כִּי אִם בְּדַם שֹׁפְכוֹ.

וכן בסוף פרשת שופטים על הפסוק וְאַתָּה תְּבַעֵר הַדָּם הַנָּקִי מִקִּרְבֶּךָ כִּי תַעֲשֶׂה הַיָּשָׁר ה׳, פירש רש"י: וְאַתָּה תְּבַעֵר. מגיד שאם נמצא ההורג אחר שנתערפה העגלה הרי זה יהרג, והוא הַיָּשָׁר בעיני ה׳, עכ"ל. [ומקורו בירושלמי סוטה (פ"ט סוף ה"ו) לפירוש הפני משה שם. ועיין עוד בתוספות כתובות (לז: ד"ה אח"כ) ובשיירי קרבן על הירושלמי (שם) מה שכתבו בדברי רש"י אלו].

[כד] בגמרא (סנהדרין צח:) שכמה אמוראים אמרו, ייתי [משיח] ולא אחמיניה [ולא אראנו, שלא יבא בזמני].

KolSatmar.com

דאָס האָט ער געלערנט דעם קל וחומר פון עגלה ערופה.

### לו
### ביאור קושיא יא

מה שאמר קְטַנִּים מֶה חָטְאוּ, הכוונה לקטני בני ישראל שלא יאבדו ח"ו

איבערדעם איז רעכט וואָס ער האָט געזאָגט אִם גְּדוֹלִים חָטְאוּ קְטַנִּים מֶה חָטְאוּ. אין הכי נמי דאָרט [בעמלקים] האָט ער אויסגע'הרג'עט אַלע קטנים, און ס'קאָן גאָר נישט אַרויפגיין אויף דעם [דער קל וחומר].

נאָר וואָס דען, הוּא הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבַּרְנוּ, ער האָט דאָ חושש געווען אויף די נפשות, אויף די נפשות ישראל, דאָרט איז דערינען נעבעך קטנים, [וכמו שנאמר] יוֹנֵק עִם אִישׁ שֵׂיבָה (דברים לב, כה).

אזוי ווי מ'האָמיר דאָס צוגעזען [בשנות הזעם], אַזוי ווי נעבעך ס'איז געווען, אפילו יונקי שדים און קטנים, - [שנאבדו] אין עון הדור, בַּעֲוֹן אֲבוֹתָם (ישעי' יד, כא), - וואָס ס'איז גורם די חבלי משיח.

### לז

דאָס האָט ער געזען שאול המלך ברוח קדשו, דאָס האָט ער געזען, אַז ווען מ'וועט צודרוקן דעם מחיית עמלק מיט דער גאולה שלא בזמנה, האָט ער געזען וואָס דאָס איז גורם חלילה, אַזאַ ביטערן ענין, ביטערע חבלי משיח אפילו אויף קטנים.

פאַר דעם האָט ער זיך זייער געפאָרכטן, איז געווען אויף אים די גרויסע פחד ואימה, ער האָט עס נישט געקאָנט דורכפירן בשלימות, וואָרן ס'איז אויף אים געלעגן דער גרויסער פחד פון די חבלי משיח פון גדולים וקטנים.

**אַזוי ווי צדיקי אמת, ס'איז נוגע ללבבם די נפשות ישראל.**

איז דאָס געווען מרוב "צִדְקָתוֹ", ומגודל צדקתו גודל קדושתו האָט ער זיך פון דעם צוריק געהאַלטן. [ונמצא כי מה שדרש הקל וחומר מן עגלה ערופה, ומה שאמר לשמואל כי יראתי את "העם" ואשמע "בקולם", הכל הוא ענין אחד שחשש להצלת נפשות מישראל, ומיושב שפיר קושיא יג].

### לח
### ביאור קושיא י

בְּהֵמָה מַה חָטְאָה: אין סברא זו נגד ציווי הנביא,
כי לא היתה כוונתו "להשאיר" הבהמות, רק לשוחטם לצורך קרבנות

און דאָס מיט די בהמות איז טאַקע געווען אַן אַנדערע סברא [בפני עצמו], אַזוי ווי דער מהרש"א זאָגט (לעיל אות יד), ס'קער נישט צום קל וחומר [מעגלה ערופה, וכמבואר לעיל בקושיא י].

נאָר וואָס'זשע דען [דסוף סוף איך שייך ללמוד סברא נגד ציווי מפורש על ידי נביא], נאָר דער המשך איז דאָך דאָס.

וואָרן איי דער נביא האָט דעך אים 'דאָך' געזאָגט [שיחרים את כולם, אמנם כשראה ברוה"ק שאין להרוג את אגג], האָט ער גערעכנט אפשר איז 'דאָך' דער עון גורם [שעדיין לא בא הזמן], ווייל ער האָט דאָך געזען דאָך אַז בשלימות [לא יכולין],

KolSatmar.com

אַז ס'קען נישט אינגאַנצן דורכגעפירט ווערן [מחיית עמלק וציווי הנביא], וואָרן ער האָט דאָך געזען אַז אגג מוז בלייבן, האָט ער געקלערט אפשר אינדערמיט איז דער חטא גורם [ועל כן רצה להקריב קרבנות לתקן החטא].

**טעם ראשון - שרצה להביא מהם קרבנות:**
**דהוא כמו אחר מִלְחֶמֶת מִדְיָן שהביאו קרבן ממה שלקחו במדין דוקא**

[וחשב להביא קרבן מבהמות שְׁלַל עֲמָלֵק דוקא, אַזוי] ווי ס'שטייט[כה] ווען מ'איז צוריק געקומען פון מִלְחֶמֶת מִדְיָן, האָבן זיי געברענגט אַ "קרבן" פון די זאַכן וואָס זיי האָבן 'דאָרט גענומען', במה שחוטאים [בו מתרצים]. זיי האָבן געזאָגט אם מידי עבירה יצאנו מידי הרהור לא יצאנו. [והביאו הקרבן דייקא מן שלל המלחמה, כדאיתא במדרש (שמו"ר כג, ג) בֹּא וּרְאֵה דֶּרֶךְ] צַדִּיקִים, בַּמֶּה שֶׁחוֹטְאִים בּוֹ מִתְרַצִּים.

**וזה שחשב שאול המלך, שיקיים ציווי הנביא "לאבד" כל הצאן ע"י שיקריבם לקרבן, וגם יתרצה על העון**

ממילא איבערדעם האָט ער גערעכנט, קודם וועלמיר נעמען טאַקע 'פון דעם', מ'וועלמיר טאַקע "מְאַבֵּד" זיין [כציווי הנביא, אבל באופן] מ'וועלמיר דערפון ברענגען קרבנות, ס'זאָל מְרַצֶּה זיין אויפ'ן עון.

**וחשב עוד דאולי ע"י שיתרצה עוונם, יהי' בבחינת "זכו" ויהי' החבלי משיח בניקל**

און אפשר וועט עס דורכדעם גרינגער גיין דערנאָכדעם [להרוג את אגג ולהקל החבלי משיח], איבערדעם האָט ער דאָס גענעמען פאַר קרבנות.

**לט**
**טעם שני - שרצה להביא מהם קרבנות. וביאור הסברא בְּהֵמָה מַה חָטְאָה**
**דשאול המלך סבר כמאן דאמר דבעצם "מן התורה" אין חיוב למחות גם הבהמות, ורק שנצטוה אז לפי שעה, משום שעל ידי כשפים החביאו עצמן העמלקים בהבהמות, ועל כן לא רצה לאבדם רק בדרך קרבן, דממה נפשך אם הם "אנשים" יימחו בזה, ואם הם "בהמות" לא יהרגם בחנם רק בדרך קרבן.**

עקסטערדעם קאָן זיין נאָך אַ טעם אויכעט [על שרצה להקריב הבהמות לקרבן] וואָרן ס'שטייט דאָך אין מדרש [שעל ידי כשפים התלבשו בהבהמות, וכדלקמן].

וואָרן לעולם שטייט נישט אין פסוק [בתורה, להשמיד אף בהמות עמלק], ס'שטייט נאָר תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, אויף בהמות שטייט נישט.

און אין **רמב"ם** שטייט עס נישט, אין **חינוך** אויך נישט. נאָר **רש"י** זאָגט יאָ [בפירוש תִּמְחֶה] **מ'זאָל מוחה זיין**[כו] [כל זֵכֶר, גם הבהמות].

**דער מנחת חינוך** (מצוה תרד, אות א) פרעגט טאַקע פון וואו רש"י האָט עס גענומען, דאָס טרעפט מען נאָר איין מאָל אין פסוק דעמאָלטס ווען שמואל הנביא האָט געשיקט שאול המלך [ואולי הוא מצוה רק לשעה, ומשם לא שמענו שיהיה מצוה לדורות].

---

[כה] בפסוק (מטות לא, מט-נ) וַיֹּאמְרוּ אֶל מֹשֶׁה עֲבָדֶיךָ נָשְׂאוּ אֶת רֹאשׁ אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה אֲשֶׁר בְּיָדֵנוּ וְלֹא נִפְקַד מִמֶּנּוּ אִישׁ. וַנַּקְרֵב אֶת קָרְבַּן ה' וגו' לְכַפֵּר עַל נַפְשֹׁתֵינוּ לִפְנֵי ה'. ובגמרא (שבת סד.). אמר להן משה לישראל שמא חזרתם לקלקולכם הראשון? אמרו לו, לֹא נִפְקַד מִמֶּנּוּ אִישׁ. אמר להן, אם כן, כפרה למה? אמרו לו, אם מידי עבירה יצאנו - מידי הרהור לא יצאנו. מיד וַנַּקְרֵב אֶת קָרְבַּן ה'.

[כו] ברש"י תצא (כה, יט). תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק. מֵאִישׁ עַד אִשָּׁה מֵעֹלֵל וְעַד יוֹנֵק מִשּׁוֹר וְעַד שֶׂה (שמואל א' טו, ג). שלא יהא שם עמלק נזכר אפילו על הבהמה, לומר בהמה זו משל עמלק היתה.

KolSatmar.com

אין **מדרש** שטייט[כז] [אַז] פאַרדעם האָט מען געהייסן [להחרים] די בהמות [בימי שאול], ווייל מיט כשפים האָבן זיי זיך מתלבש געווען אין בהמות, די עמלקים, איבערדעם האָט מען געהייסן הרג׳נען די בהמות.

קאָן זיין האָט ער [שאול המלך] געהאַט אַ חשבון, מ׳וועט זיי ברענגען פאַר קרבנות, וועט מען זיי דאָך אויכעט שחט׳ן, וועט אַפירקומען דעס וואָס זיי האָבן זיך מתלבש געווען דערינען די מענטשן.

על כל פנים [לשני האופנים], האָט ער גערעכנט אויף אַזאַ אופן [לאבדם], עס צו ברענגען, מ׳זאָל ברענגען קרבנות [ובזה יקיים דברי הנביא להרגם, ומיושב קושיא י].

**מ**

ביאור הפגם בהשארת ״הבהמות״, אף שרצה לאבדם ע״י שיביאם לקרבנות

נאָר וואָס דען, דער פגם איז אָבער דאָך געווען.

דער פגם איז געווען, וואָרן מ׳דאַרף נישט מִתְחַכֵּם זיין על דברי הנביא, אַז די נבואה האָט אים אַזוי געזאָגט [וְהֵמַתָּה מִשּׁוֹר וְעַד שֶׂה] האָט ער געדאַרפט טאָן בתמימות [להרגם תיכף].

**מא**

המשך ביאור הפגם בהשארת ״אגג״

איי מכח זיין גרויס צִדְקוּת האָט ער נישט געקאָנט צונעמען [אגג], **דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויפ׳ן באַשעפער.**

**דער בורא כל עולמים ווייסט וואָס ער טוט.**

**מב**

והאמת שעדיין לא היה אז זמן הגאולה

און דער אמת, ס׳איז טאַקע נאָכנישט געווען דעמאָלטס דער זמן הגאולה, ס׳איז נאָכנישט געווען דער זמן מ׳זאָל אֲגַג׳ן הרג׳נען.

מ׳האָט דאָך געמאַכט [אחר כך יום טוב פורים], די **מגילה** איז דאָך נאָך געשטאַנען גרייט, ס׳האָט געדאַרפט נאָכקומען המן.

האָט ער געדאַרפט צו וויסן אַז ווילאַנג דער נביא זאָגט נישט אויף די גאולה [עצמה], וועט עס נישט זיין, מ׳דאַרף נישט מורא האָבן פאַר דעם אַז ס׳וועט צוגעדרוקט ווערן פאַר דער צייט.

מלבד החשש על ״חבלי משיח״, נתיירא שלא יכשל בהעברה על ״שלש שבועות״

ער האָט טאַקע פאַר דעם אויך מורא געהאַט, מ׳איז דאָך מושבע ועומד דערויף [שלא לעשות פעולה להביא הגאולה קודם הזמן].

אבל בכל אופן היה לו לסמוך בתמימות על דברי הנביא

[על כל פנים] האָט ער געדאַרפט צו וויסן אַז דער נביא האָט נישט געזאָגט דירעקט די ״גאולה״, וועט עס נישט זיין [והיה לו לקיים בתמימות דברי הנביא כפשוטן להשתדל להרוג גם את אגג והבהמות].

---

[כז] הובא ברש״י (שמואל א׳ טו, ג), וברבינו בחיי (כי תצא כה, יט) מביא שכן דרשו רז״ל.

KolSatmar.com

ואף אילו שמע לדברי הנביא, לבסוף היה הקב"ה מסבב סיבות להשאיר אגג, כי עדיין לא היה זמן הגאולה

און אפילו ווען ער טוט [גיווען] אַלעס, צום סוף העט עס גיווען בטל געוואָרן, אגג העט גיווען געבליבן לעבן, ממילא אַז ער העט גיווען געבליבן לעבן, העט דאָך עס שוין נישט ׳דאָס׳ געווען [הגאולה שלימה].

מ׳האָט דאָך פאַר אים נאָר געהייסן "טאָן" אָבער, אַזוי ווי, אַזאַ מאָדע ווי [ביי] אברהם אבינו מיט יצחק׳ן, אָבער ס׳איז נישט געווען דער רצון הבורא אַז נאָך דעמאָלטס זאָל טאַקע נגמר ווערן [בימיו, מחיית עמלק בשלימות].

לעולם איז טאַקע נאָר געווען דער רצון הבורא ברוך הוא, אַזוי ווי שאול המלך האָט געטוהן [שישאר אגג], נאָר דער פעלער איז געווען ער האָט דאָס נישט געברויכט "אַליין" צו טאָן [להתחכם ולעשות החשבון], ער האָט געברויכט צו טאָן דאָס זייניגע וואָס דער נביא האָט געהייסן, און מ׳העט עס דערנאָך מן השמים גיווען צוגעפירט צו דעם. ס׳האָט אַזוי גיווען געמוזט זיין, אַזוי ווי ס׳איז געווען ביי די לעצטע רגע ביי יצחק אבינו ביי דער עקידה.

דאָס איז נאָר געווען דער עוון.

אָבער ווייטער איז אַלעס געווען אמת ויציב, שאול המלך האָט נאָר געזען דעם אמת, און **מגודל צדקתו האָט ער זיך נישט געקענט אָפרייסן פונעם אמת, פון דעם גרויסן פחד פון די חבלי משיח.** דאָס איז געווען.

### מג
### ביאור קושיא יד

יָצְאָה בַּת קוֹל אַל תְּהִי "צַדִּיק" הַרְבֵּה, כי באמת עשה כל זה מחמת גודל צדקתו

איבערדעם איז רעכט וואָס מ׳האָט אים געזאָגט [בבת קול] **אל ׳תצדק׳ הרבה.**

מ׳ווייס מיר, [אַז הגם] דאָס איז אַלעס דורך צִדְקוּת און דורך **בקשת האמת,** ער האָט געזען אַזוי דעם אמת, און דורכ׳ן צִדְקוּת וואָס ס׳איז נגע ללבבו נפשות ישראל.

אבל צריך לידע דאי אפשר להיות שום ענין של גאולה בלא דיבור הנביא

**אָבער אף על פי כן, מ׳דאַרף צו וויסן די עניני הגאולה רירט זיך נישט אָן די נביאים.** אפילו [בצִדְקוּת] אל תצדק הרבה, ביי דעם טאָר מען נישט זיין [צדיק הרבה].

מ׳האָט באַשוואוירן שלא ירבו בתחנונים יותר מִדַּאי (רש"י כתובות קיא.), אַז מ׳טאָר ניטאַמאָל קיין אל תצדק הרבה, **צופיל צִדְקוּת טאָר מען אויך נישט צו דעם אויסנוצן.**

**דאָס מוז מען אינגאַנצן פאַרלאָזן אויפ׳ן באַשעפער.**

עקסטערדעם האָט ער געדאַרפט צו וויסן, אַז אָן דער ציווי הנביאים, [לא יהיה ענין הגאולה].

### מד

גם לעתיד יהיה הגאולה רק כשיודיע אליהו "הנביא" מקודם

ס׳שטייט (מלאכי ג, כג) הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה [הַנָּבִיא] לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה׳ הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא. פאַר די גאולה וועט קומען אליהו.

KolSatmar.com

ווי דער **מהר״ל מפראָג** זאָגט (בהגש״פ), איבערדעם פותחין הדלת [בכוס של אליהו] פסח אויפדערנאַכט, מ׳זאָל איינפרעגן [בלב הבנים], מ׳זאָל וויסן ״דאָס״ איז דער סימן הגאולה [שיבוא אליהו מקודם], מ׳זאָל זיך נישט פּאָפּן, מ׳זאָל אַריינפרעגלען אין די קינדער אפילו, מ׳זאָל זיך נישט פּאָפּן [בגאולת שקר, רק ידעו שכל זמן] אַז אליהו איז נישט געקומען איז נישטאָ קיין גאולה, [כמו שנאמר] הִנְנִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא, זאָל מען וויסן אַז ס׳מוז קומען אַ נבואה דירעקט אויף מבשר זיין [הגאולה], קוֹל מְבַשֵּׂר וְאוֹמֵר.

אפילו ביים [בנין] בית שני איז אויך געווען [על פי] נביאים, חגי זכריה ומלאכי האָבן מתנבא געווען דערויף, [אַז] אַצינדערט ברויך מען צו גיין און מ׳ברויך בויען דאָס בית המקדש.

### מה

ממילא [אצל שאול] אַז די נבואה האָט אים דאָס נישט געזאָגט [שיהיה הגאולה], האָט ער געדאַרפט וויסן דאָס קען נישט זיין.

דאָס איז געווען דער עָוֹן, ווייל ער האָט זייער מורא געהאַט טאָמער דאָך [יביא הגאולה, ונתיירא] ער זאָל נישט ממהר זיין פאַר׳ן זמן, ער האָט מורא געהאַט פאַר נפשות ישראל, אָבער אין אמת אַריין, דאָס קען נישט זיין [שיגאלו מבלי הודעת ״הנביא״ מקודם].

### מו
### ביאור קושיא טו

חַטַּאת קֶסֶם מֶרִי וְאָוֶן וּתְרָפִים הַפְצַר:

אותן שמתפתים בגאולת שקר ואינם ממתינים על דברי הנביא בעניני הגאולה, באים ח״ו לידי ע״ז ומינות

מיט דעם פאַרשטייט מען, וואָס דער פסוק זאָגט דערנאָך: **חַטַּאת קֶסֶם מֶרִי וְאָוֶן וּתְרָפִים הַפְצַר.**

**די עניני הגאולה אַז מ׳גייט אַוועק פון דעם, אַז מ׳וואַרט נישט אויף דברי נביאים, ביי דעם אַ שינוי, פאַלט מען אַריין אין מינות און עבודה זרה.**

### מז

וכמו שהיה בכת ש״צ, שלבסוף באו לידי מינות וכפירה, אף שמתחילה השפיעו תשובה ותיקון המעשים

אַזוי ווי דער **חתם סופר** זאָגט[כח], דער כת ש״ץ כולהו איתנייהו ביה, עבודה זרה, מיט מינות, וואָס מ׳וויל נאָר הערן און געדענקען.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן [כת ש״ץ] גאָר פאַרקערט, גאָר מיט אַ תנועה [׳באַוועגונג׳ של תשובה], און מיט עבודה, פאַרקערט מיט גרויס אמונה.

אַז ס׳איז אָבער געווען שקר, מ׳איז אַרויס פון די סימנים אמיתיים וואָס ס׳שטייען אין די נביאים, [וכגון הסימן של] הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא

---

[כח] בשו״ת **חתם סופר** (יו״ד סימן שכב). נראה לי דהכת הארורה המאמינים בש״ץ ימ״ש הידוע, תיפח רוחם וישחקו עצמותם, אם ח״ו לא יהפך לבבם לטוב, אותם יורדפו עם בניהם ובנותיהם, כי כולם ארורים הם לה׳, והמינות תקועה בלבם. ואין עבודה זרה בעולם שלא נכללו באמונתם המזוייפת. וטוב יותר אם יפרדו מקהל הגולה, ויתערבו בעכו״ם הם ובניהם, ולמצוה רבה יחשב. וגם בהיותם עדיין בין היהודים, פתם פת כותי ויינם יין נסך, וכל דבריהם ומחשבותם ועלילותם לעבודה זרה.

KolSatmar.com

לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה׳ הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא, אַז מ׳איז אַרויס פון די אַלע סימנים אמיתיים, [פון] דעם גאַנצן דרך התורה מיט די נבואה, איז מען אַריינגעפאַלן למינות ואפיקורסות.

וכן היה אצל שאר המשיחי שקר

אַזוי איז געווען אייביג ווען ס׳איז געווען אַ משיח שקר, אַזוי ווי מ׳זעט דאָרטן אין **אגרת הרמב״ם**[כט], ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן מיט די משיחי שקר, איז מען אַריינגעפאַלן אין מינות און אפיקורסות, וואָס ס׳איז אַרגער פון עבודה זרה[ל].

### מח
### ביאור קושיא טז

בזה שחשש לגאולה בלא דיבור מפורש מהנביא, היה ״כמוסיף״ על דברי הנביא

איבערדעם האָט ער [שמואל הנביא] געזאָגט, דו ביסט ״מוסיף״ על דברי הנביא. ווייל ער האָט מוסיף געווען, אַז ער האָט געקלערט שוין אַז ס׳וועט זיין אַ גאולה פאַר דער צייט איידער דער נביא האָט געזאָגט, איז דאָס ״הַפְצַר״.

### מט
### המשך ביאור קושיא טו

איבערדעם האָט ער געזאָגט חַטַּאת קֶסֶם, וְאָוֶן וּתְרָפִים, דאָס איז דער זעלבער חטא פון עבודה זרה, [ווייל מחשבה כזה] דאָס וועט [לבסוף] פירן צו דעם.

אין עניני הגאולה אַז מ׳רירט זיך אַרויס אַ קוצו של יו״ד פון די נביאים [מלהאמין בהם] אמונה פשוטה על פי פשטות אַזוי ווי די הייליגע **נביאים האָבן געזאָגט, לֹא יִפּוֹל דָּבָר אָרְצָה**[לא] **קיין תנועה קלה.**

[וככגון מה שאמרו הנביאים] **וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל** (ישעי׳ כז, יג).

**אַזוי ווי מ׳זאָגט** (בתפלת שמו״ע) **תְּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל לְחֵרוּתֵנוּ.**

[וכגון] **אַזוי ווי די נביאים זאָגן, הנני שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּהוּ.**

די אַלע ענינים [לֹא יִפּוֹל דָּבָר אָרְצָה כפשוטו], **דאָס איז דער סימן אַזוי, דאָס איז די בחינה** [לבחון אם הוא גאולה אמיתית], **און אַז מ׳רירט זיך פון דעם אַרויס** [מלהאמין אמונה פשוטה בזה, פאַלט מען אַריין אין מינות], **דאָס זעט מען בחוש.**

### נ

און אודאי בעוונינו הרבים מיט ׳אַזאַ׳ דרך מינות וואָס ס׳האָט אונז באַטראָפן אין די לעצטע זמנים [שגם ״מתחלה״ נעשה הכל בדרך מינות], דאָס האָט מען זיך קיינמאָל נישט אויסגעמאָלן, רחמנא ליצלן.

---

[כט] הרמב״ם מאריך מאוד **באגרת** תימן שכתב למדינת תימן בענין משיח שקר שעמד אצלם, ובה מזהיר אותם מגודל הסכנה של משיחי השקר וגדול הצרות שיצאו מזה לבני ישראל ל״ע, ועוד הרבה עניני גאולה וקץ, ומחזק את בני ישראל לעמוד איתן בגודל הנסיונות לפני ביאת המשיח, וגודל הזכות שיהיה להעומד בנסיון, שהשי״ת יזכור אותו בקיבוץ גליות ויהיה נחלתו וחבלו לחזות בנועם ה׳ ולבקר בהיכלו.

[ל] עי׳ **בגמרא** (שבת קטז. ע״ז כו:) **וברמב״ם** (רפ״י מהל׳ ע״ז, הל׳ תשובה פ״ג ה״ז, פ״ד מהל׳ רוצח, פי״א מהל׳ עדות, ובפירוש המשניות סנהדרין פרק חלק) **ובשו״ע** (יו״ד סי׳ קנ״ח וחו״מ סי׳ תכ״ה).

[לא] עפ״י הפסוק (מלכים ב׳ י, י) דְּעוּ אֵפוֹא כִּי לֹא יִפֹּל מִדְּבַר ה׳ אַרְצָה וגו׳ אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיַד עַבְדּוֹ אֵלִיָּהוּ. ובברכת הפטורה אנו אומרים ״וְדָבָר אֶחָד מִדְּבָרֶיךָ אָחוֹר לֹא יָשׁוּב רֵיקָם״.

KolSatmar.com

פאַרדעם זעט מען, אַז מ'האָט נאָר אַ שטיקעלע רעיון, אַז מ'קלערט נאָר ס'איז פאַרהאַנדן אַ בחינה פון אַ גאולה, אַנדערש ווי די הייליגע נביאים זאָגן, אָן אַ השפעה גלויה פון הקב"ה מיט'ן דרך התורה, 'מוז' מען [בהכרח] אַריינפאַלן אין מינות און אין כפירה, אַזוי ווי מ'זעט בחוש.

[ובעוה"ר רואין עוד] ווי ווייט דאָס האָט געברענגט, אַז אפילו 'ס'הייבט זיך אָן' [בתחילה] מיט מינות, אַנטלויפט מען אויך נישט דערפון, אַלעס ווייל מ'איז ביי דעם רעיון אין די בחינת הגאולה אַז מ'קען אַריינשטעלן התחכמות אין דער גאולה.

**נא**

הקב"ה ברא העולם באופן שצריכים לעשות השתדלות
וגם יכולים להצליח על ידי התחכמות ופעולות במשא ומתן,
אף שצריך להאמין שהכל מהקב"ה שמלובש בהטבע

אַזוי אין אַלעמען קאָן מען אַריינשטעלן "התחכמות".

דער בורא כל עולמים האָט אַזוי באַשאַפן אין דער טבע, אַז אַזוי איז עס אין עניני משא ומתן, און אין אַנדערע ענינים וואָס אַ איד וואָס אַ מענטש ברויך, האָט דער בורא כל עולמים אַזוי באַשאַפן [שצריכים לעשות השתדלות בידי אדם, ויכולין לפעמים להצליח בהתחכמות].

**מ'מוז האָבן אמונה אין בורא עולם, אַז אַלעס טוט זיך פון באַשעפער,** אָבער מ'האָט אַזוי דאָך געהייסן [לעשות השתדלות בדרך הטבע, ווייל] ס'איז אָבער 'מלובש' אין דער טבע, אַז מ'זאָל טאָן דעם טבעיות.

**נב**

אבל בענין הגאולה אסור לעשות שום השתדלות ופעולה ולא מועיל שום התחכמות

אָבער ווען ס'קומט צו דער גאולה, **דאָס איז אינגאַנצן אַרויס פון די בחינות טבעיות, פון יעדן התחכמות, פון יעדן סברא.**

[אפילו] וואָס מ'זעט בבירור, דאַרף מען וויסן דאָס איז אַלעס גאָרנישט, **ס'איז אַלעס נאָר ביים בורא כל עולמים אין די הענט !**

און אַז מ'גייט מיט דעם דרך איז יֵלֶךְ בֶּטַח, הוֹלֵךְ בַּתֹּם [יֵלֶךְ בֶּטַח] (משלי י, ט), מ'וועט זוכה זיין צו דער גאולה.

**ווען מ'העט דעם דרך געגאַנגען, העט מען שוין לאַנג גיוועזן זוכה געווען צו דער גאולה.**

**נג**

איבערדעם האָט דאָס געזאָגט, דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט פאַר שאול המלך [חַטַּאת קֶסֶם מֶרִי וְאָוֶן וּתְרָפִים הַפְצַר].

דער גאַנצער ענין איז דאָך געווען, דער וַיָּרֶב בַּנָּחַל, ווי כ'האָב פריער שוין דאָס מסביר געווען, ווייל ער האָט געזען אין דעם אַן ענין פון דער גאולה אַז ער וועט עפּעס טאָן, האָט ער זיך געוואָלט צוריקהאַלטן.

KolSatmar.com

### נד

יש לומר עוד ששאול המלך עשה כיונה הנביא, שלא רצה לקיים הציווי כדי שלא יגרום קטרוג על כלל ישראל

דאָס איז די בחינה פון יונה'ן, וואָס ער איז אַנטלאָפןלב [ולא רצה לקיים השליחות, כדי] אַז ס'זאָל נישט זיין אַ קטרוג אויף אידן, ווען מ'האָט אים געשיקט קיין נינוה.

קען זיין שאול המלך האָט אויך געקלערט עפּעס אויף דער בחינה, ווייל ער האָט געזען די נפשות, די שוועריגקייטן פון די גאולה, איבערדעם איז אַזוי געווען ער האָט זיך דאָ צוריקגעהאַלטן [מלקיים שליחות השי"ת ביד הנביא, כדי שלא יתעורר עי"ז קטרוג וצער לכלל ישראל], איז געווען דאָס מכשול.

### נה

גם היה בכל זה סיבה מן השמים בבחינת "נורא עלילה"
להסיר המלוכה מן שאול המלך, כדי שיתרומם דוד המלך וייבנה מלכות בית דוד

און ס'איז אויך געווען מן השמים [להסיר המלוכה מן שאול המלך], ווייל ס'איז באַשערט געווען פאַר דוד המלך ער זאָל נתרומם ווערן.

[וכמו] **יעדע זאַך וואָס דער בורא כל עולמים פירט** [שמזמינים לפעמים איזה פגם להצדיק], **ווייל ס'ברויך אַזוי צו זיין** [לאיזה סיבה שצריך לצאת מזה].

ווי מ'טרעפט אַלעמאָל [כגון במכירת יוסף וכדומה], ווי דער **רמב"ם** זאָגט (בפירוש המשניות סוף מס' ברכות), [וכן מבואר עוד במדרש תנחומא (וישב, ד) דזה שאמר הכתוב] נוֹרָא עֲלִילָה עַל בְּנֵי אָדָם [אף הנוראות שאתה מביא עלינו בעלילה את מביאן].

### נו

אָבער על כל פנים 'מלובש' איז עס געווען אין דעם, דער פגם איז 'דאָס' געווען [כאמור לעיל], אַז בגודל צדקתו האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן.

אָבער דער פסוק זאָגט דערנאָך, אַז אַזאַ מאָדע ענין וואָס מ'רירט אָן אין די גאולה, אַז מ'זאָגט אַ שטיקעלע 'שכליות' אָדער 'סברות' אַנדערש אַ תנועה קלה ווי דער נביא זאָגט [יש בזה פגם].

כּאָטשיג זיינס [הסברא של שאול המלך] איז געווען כולו אמת, אמת מיט צִדְקוּת, און ס'איז געווען ווייל ער האָט דאָך געזען [ברוח הקודש] אַז ס'איז אַזוי, און ער האָט זיך אין די גוף הענין האָט ער זיך גאָרנישט טועה געווען.

ס'איז אָבער 'דאָך' געווען, במעשה איז עס געווען אַ שטיקל השתנות, ווייל דער נביא האָט אים אַזוי געזאָגט ער זאָל נישט אַריינגיין [בסברות, רק ער זאָל 'אַלעס' מחרים זיין], און ס'איז געוואָרן אַ שטיקל השתנות אין אַזעלכע זאַכן, אין אַזאַ פרט, אין דאָס ענין וואָס ס'איז נוגע אין דער גאולה, און פון דאָרט איז דאָך נצמח געוואָרן דאָס השתנות, ווייל ער האָט דאָס געזען פאַר אַ גאולה, אַזוי ווי ס'איז דער אמת דאָס ענין מחיית עמלק [בשלימות, דהגאולה תלוי בזה].

ער האָט דאָס געזען פאַר אַ גאולה, האָט ער אין דעם אַריין געטוהן שכליות אפילו גאָר אמיתיות, אָבער אין דעם ענין [אם יש] אַן התחכמות, דאָס ברענגט

לב כדכתיב (יונה א, ג) וַיָּקָם יוֹנָה לִבְרֹחַ תַּרְשִׁישָׁה. ואיתא **במכילתא** (פרשת בא, מסכתא דפסחא א) אמר יונה אלך לי בחוצה לארץ מקום שאין השכינה נגלית, שהגוים קרובי תשובה הן, שלא לחייב את ישראל.

KolSatmar.com

דערנאָכדעם [אַז] מ'קומט לידי טעות [בעניני הגאולה], וואָס פון דעם ווערט עבודה זרה מיט מינות [כמו שרואין בהמשך הדורות], איז דאָס חַטַּאת "קֶסֶם" אַזוי ווי די קסמים, וְאָוֶן "וּתְרָפִים", ווי די עובדי "עבודה זרה" און די אַלע וואָס מ'טוט להנאתם, דאָס אַלעס קומט אַרויס פון דעם הַפְצַר [שמוסיפין על דברי הנביא בענין הגאולה].

האָט דאָס דער נביא געזאָגט, איבערדעם האָט דאָס שמואל הנביא דאָ אָנגעזאָגט פאַר אים, פאַר שאול המלך.

נז

# ביאור הדיוקים בקריאת פרשת זכור

נחזור לענינינו [ליישב הדקדוקים בפרשת] **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק.**

דער אמת מחיית עמלק וועט דאָך זיין [בעת הגאולה] ס'איז תלוי אין דער גאולה, מ'האָט שוין פריער געזאָגט [שיהיה ע"י הקב"ה] מָחֹה אֶמְחֶה.

[ולכאורה] דאָס וועט הערשט זיין לעתיד.

נאָר וואָס'זשע דען [מה שאנחנו נצטווינו "תמחה"], קען אָבער זיין [לפרש], די ביידע זאַכן וואָס כ'האָב פריער געפרעגט:

[קושיא א' דאם לאחר שפשט ידו במקדש הוא "אמחה", וקודם לזה הוא "תמחה", אם כן למה נאמר "אמחה" בתחילה בפרשת בשלח, ואח"כ נאמר "תמחה" בפרשת תצא.

וכן קושיא ב'] אַז ס'איז טאַקע מָחֹה אֶמְחֶה [שהקב"ה ימחה זכרו] נו פאַרוואָס איז עס געבליבן [החיוב] ביי דעם, [ביין] תִּמְחֶה.

נח

קען אָבער זיין אַזוי [בהקדם לבאר גם קושיא ג-ד].

### הקדמה לביאור קושיא ב - ג - ד

דער אמת, דאָס וואָס ער האָט געטוהן וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ, ער איז געקומען לוחם זיין מיט אידן, ער האָט געכאַפּט נפשות, אפילו [ער האָט געכאַפּט נאָר] די וואָס דער ענן האָט פולט געוועזן, דאַרף מען זיך נוקם זיין אין אים.

אָבער אויף דעם איז נאָך אַ מציאות, מיט'ן שכל אנושי, אַ נקמה וואָס מענטשן קענען טוהן, אַז מ'זאָל זיך אין אים נוקם זיין דערפאַר.

אָבער דאָס וואָס ער האָט שוין געטוהן און נוגע געוועזן אין בית המקדש, אין חסידי עליון, אַזאַ הויכן פגם, דאָס קענען גאָר קיין מענטשן זיך נישט נוקם זיין, ס'איז למעלה מן השכל.

די נקמה פון אַ מענטש דערגרייכט דאָך, נאָר ווי ווייט דער שכל אנושי גייט.

דאָס קאָן גאָרנישט קיין מענטש נוקם זיין, אַזאָלעכע הויכע ענינים, דאָס קאָן נאָר דער בורא כל עולמים אַליין, נוקם זיין נקמת קדושיו, [פאַר] די גרויסע

KolSatmar.com

קדושה וואָס ער האָט [אַלץ] געטוהן, דאָס קאָן נאָר דער בורא כל עולמים טאָן, דאָס קאָן מען גאָרנישט פאַרלאַנגען פון אַ מענטש, דאָס איז נישט מספיק וואָס מענטשן קאָנען טאָן, ס'איז דאָך גאָרנישט מספיק.

### נט
### ביאור קושיא ב - ג - ד

החיוב לזכור רק מה שעשה לנו, ולנֶּחֱשָׁלִים דוקא, דמה שעשה לצדיקי עליון ולביהמ"ק, רק הקב"ה בעצמו יכול לנקום

האָט דאָס געזאָגט דער בורא כל עולמים, איבערדעם האָט מען אונז דאָ געלערנט, דיך הייס איך נאָר געדענקען [את עשה "לך" (קושיא ג)] וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל "הַנֶּחֱשָׁלִים" אַחֲרֶיךָ (קושיא ד), און מחה "תִּמְחֶה" אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק (קושיא ב), דאָס ברויכסט דו צו טאָן.

אָבער דער אמת'ן וואָס אים קומט, איז מָחֹה "אֶמְחֶה", דאָס וועט דער בורא כל עולמים טאָן, מ'האָט נאָר פאַרלאַנגט פון מענטשן די מצוה [הנוגע למה שעשה לנו].

דער אמת, דאָס אַליין [מחיית עמלק במה שנוגע לנו] קען מיר דאָך אויך נישט, זאָגט דאָך דער מדרש, נאָר אַז דו וועסט מחה מלמטה און איך וועל טאָן מלמעלה[לג].

### ס
### ביאור קושיא ה

תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק "מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם", כי במה שנוגע "לנו" הגיע הפגם רק "עד שמים" ולא "מעל שמים"

איבערדעם קען זיין אויכעט, דאָס וואָס ס'איז געווען וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים [וגו', על זה נאמר תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק רק "מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם"].

פונקט אַזוי ווי ס'שטייט[לד] אַז ביי אַ מצוה וואָס ס'איז שלא לשמה איז [נאָר] כִּי גָדוֹל "עַד שָׁמַיִם" חַסְדֶּךָ, אָבער אַ מצוה לשמה זאָגט די **גמרא** איז [גָדוֹל] "מֵעַל שָׁמַיִם", גייט עס העכער.

[וביאור הענין] פאַרוואָס, ווייל אַז די מצוה איז העכער [שהוא לשמה], ס'איז פאַר'ן בורא כל עולמים'ס וועגן, ס'איז העכער פונעם שכל אנושי, [לכן גם] דער תיקון גייט העכער.

פון שלא לשמה, גייט דער תיקון נאָר וויפיל דער שכל אנושי איז, וואָרן ס'איז דאָך שלא לשמה, ס'איז דאָך אנושיות דערינען, מ'מיינט נישט דעם בורא כל עולמים, גייט עס נאָר תַּחַת הַשָּׁמָיִם, אונטער די מזלות.

אָבער דאָס וואָס ס'איז שוין לשמה, גייט הויך.

### סא

[וכמו כן להיפך בפגם עבירה] אַזוי איז דער פגם פון עמלק'ן. דאָס וואָס ער איז געווען וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים, איז געווען דער פגם איז נאָר געגאַנגען "עַד

---

[לג] **בתנחומא** (כי תצא ד) תהיו אתם מזכירין שמו מלמטה, ואני מוחה שמו מלמעלה.

[לד] **בגמרא** (פסחים נ:) רבא רמי, כתיב כִּי גָדֹל "עַד שָׁמַיִם" חַסְדֶּךָ (תהלים נז, יא), וכתיב כִּי גָדוֹל "מֵעַל שָׁמַיִם" חַסְדֶּךָ (שם קח, ה). הא כיצד, כאן בעושין לשמה, וכאן בעושין שלא לשמה. ופירש"י, עושין לשמה, מעל שמים, ושלא לשמה עד לשמים, דמצוה מיהא קא עביד וכו'.

KolSatmar.com

שָׁמַיִם״, אָבער דאָס וואָס ער האָט אָנגערירט אין בית המקדש, דאָס איז שוין געגאַנגען עַד לֵב הַשָּׁמַיִם, איז געגאַנגען הויך, דאָס קען נאָר דער בורא כל עולמים טאָן.

איבערדעם אונז האָט מען נאָר געהייסן תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק ״מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם״.

דאָס וואָס ער האָט געטוהן וואָס ס׳איז געווען וַיְזַנֵּב ״בְּךָ״ כָּל ״הַנֶּחֱשָׁלִים״.

סב

אָבער דער אמת דאָס [מה שאנו מוחים ״מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם״] וועט גורם זיין מָחֹה ״אֶמְחֶה״, אַז דער בורא כל עולמים וועט זיך נוקם זיין נקמת עמו ישראל מיט אַזאַ בחינה וואָס אַ מענטש קען גאָרנישט משיג זיין.

**ווי איז דען גאָר מעגליך מענטשן זאָלן זיך נוקם זיין, דאָס וואָס די רשעים וואָס זיי האָבן געטוהן פאַר אידן?**

**דעם צער וואָס זיי האָבן געטוהן, בגשמיות וברוחניות, בתחתונים ובעליונים, וואָס זיי האָבן געטוהן.**

דעם גאַנצן פגם איז דאָך גאָרנישט מעגליך מ׳זאָל דאָס קענען באַצאָלן, אַ מענטש קען דאָס נישט באַצאָלן, ס׳דערגרייכט נישט דער ׳כח׳ אנושי [לנקום מזה], און נישט דער ׳שכל׳ אנושי [דערגרייכט להשיג ולהבין הפגם בזה], מ׳זאָל דאָס באַצאָלן וואָס זיי קומט, וואָס זיי קומט פאַר די רשעים וואָס זיי האָבן געטוהן פאַר אידן, **דאָס לאָזט זיך דאָך נישט זאָגן, דאָס קען נאָר דער בורא עולם אַליין,** וואָס ס׳איז העכער, ס׳איז נאָך העכער דעם שכל אנושי, וואָרן ווי קאָן מען זיי געבן די נקמה וואָס זיי קומט, דאָס קאָן נאָר טאָן דער בורא כל עולמים.

סג
**ביאור קושיא א**
**והמשך ביאור קושיא ב**

פאַרדעם איז דער מָחֹה ״אֶמְחֶה״ געבליבן, און דער ״תִּמְחֶה״ איז געבליבן (קושיא ב), ווייל דער בורא כל עולמים איז דאָך דער רצון הבורא ברוך הוא אַז אידן זאָלן עפּעס טאָן, האָט מען איבערגעלאָזט דעם ״תִּמְחֶה״, איז דאָס טאַקע געבליבן. אָבער נישט אַז ווען מ׳זאָגט שוין תִּמְחֶה איז נישטאָ דער מָחֹה אֶמְחֶה, אדרבה פאַרקערט, מיט דעם [תִּמְחֶה] איז מען גורם [אֶמְחֶה].

[ומיושב גם קושיא א, כי אין כאן הקדמה בזמן, ושניהם שייכים בבת אחת, ומה שאמרו משפשט ידו במקדש, הכוונה דעל אותן הפגמים שנוגע כביכול למעלה יתקיים בחינת ״אמחה״].

סד
**קושיא ו - והביאור**
אמר ״לא תשכח״ דוקא לבסוף, לאחר שסיים ״מתחת השמים״, כי ״לא תשכח״ הוא בלב ומחשבה, ומרמז שלא נשכח בחינת ״אמחה״ שהוא ״מעל השמים״

איבערדעם זאָגט ער, ״תִּמְחֶה״ אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם, און דערנאָך הערשט איז ״לֹא תִּשְׁכָּח״ זאָלסטו נישט פאַרגעסן, ס׳קומט נאָך הערשט דער מָחֹה ״אֶמְחֶה״, אין אַ העכערע בחינה.

איבערדעם נאָך אַלעמען שטייט הערשט דער לֹא תִּשְׁכָּח.

[דלכאורה] אַז דאָס [לֹא תִּשְׁכָּח] איז אַ לא תעשה, העט געדאַרפט שטיין תיכף זָכוֹר לֹא תִּשְׁכַּח, [און] זְכֹר אַל תִּשְׁכַּח, [אַזוי ווי] ס'שטייט אויך (עקב ט, ז) "זְכֹר אַל תִּשְׁכַּח" אֵת אֲשֶׁר הִקְצַפְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בַּמִּדְבָּר, און דאָ דער "לֹא תִּשְׁכַּח" שטייט הערשט צום סוף.

[נאָר] ווייל דער לֹא תִּשְׁכָּח איז בלב, וואָרן מ'האָט דאָך נישט וואָס צו זאָגן, אונז קען מיר דאָך גאָרנישט טאָן, נאָר די מחשבה פון אַ מענטש, די מחשבה קען דאָך גיין הויך, אַז מ'איז זיך מדבק אין בורא עולם און מ'וואַרט אויף ישועת ה', ער זאָל נוקם זיין נקמת עמו ישראל, שטייט דער "לֹא תִּשְׁכָּח" צום סוף אויף שכחת הלב.

נאָר קודם איז זָכוֹר בפה, [אמנם] בפה קען אַ מענטש, קען מען נישט אַזוי אַרויסזאָגן נאָר אַזוינס וואָס ס'דערגרייכט מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם, מ'זאָגט נאָר וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ, ס'איז אָבער דאָ לֹא תִּשְׁכָּח [שמרמז על בחינת "אמחה" וכדלעיל] וואָס ס'גייט העכער [מעל השמים, את זה אין יכולים לומר בפה רק לידע במחשבה, ולכן לֹא תִּשְׁכָּח לבסוף לאחר "מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם", כי זה קאי על בחינת אמחה "מעל השמים"].

אַזוי שטייט דאָך, ווי דער מדרש זאָגט[לג] אַז דער בורא כל עולמים פאַרלאַנגט נאָר פון אידן מ'זאָל אים מזכיר זיין, אָבער דאָס איבריגע וועט טאַקע טאָן דער בורא כל עולמים.

## סה
## סיום התורה

און דער אמת איז מַה כֹּחֵינוּ כִּי נְיַחֵל[לה], וואָס קאָן דען דער מענטש טאָן, וואָס קאָן מיר אונז דען טאָן?

אונז ברויך מיר נאָר טאָן די מִצְוֹת הבורא ברוך הוא, וואָס השי"ת האָט אונז געהייסן דורך די תורה הקדושה, און דורך נביאיו הקדושים.

און דער עיקר האָפט מען, מ'זאָל די זכיה האָבן מיט דעם בטחון האמיתי, בטחונו יתברך שמו.

מ'ווייסט אויף זיכער אַז דער בורא כל עולמים וועט טאָן אַלעס וואָס ס'שטייט.

מ'האָמיר דעם בטחון אַז אונז וועלמיר עס נאָך דערלעבן.

מ'וועלמיר נאָך זוכה זיין צו זען די אַלע ענינים מקויים ווערן בפועל ממש, כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ כֵּן עוֹד נֶחֱזֶה.

זאָל טאַקע זיין:

וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים, די טעג, די ימי הפורים, נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים בְּכָל דּוֹר וָדוֹר מִשְׁפָּחָה וּמִשְׁפָּחָה.

---

[לה] באיוב (ו, יא) מַה כֹּחִי כִי אֲיַחֵל. ופירש"י מַה כֹּחִי, חזק לסבול. כִי אֲיַחֵל, כי אמתין עד יום רפואה וכו'.

KolSatmar.com

אַזוי ווי מ׳האָף מיר דער בורא כל עולמים זאָל העלפן ס׳זאָלן נתעורר ווערן די נסים פון די ימי הפורים.

די השפעות, מיט די שמחה עליונה, וואָס ס׳דאַרף צו קומען אויף אידן.

מ׳זאָל זוכה זיין השם יתברך זאָל זיך נוקם זיין נקמת עמו ישראל.

אֲרוּרִים כָּל הָרְשָׁעִים, בְּרוּכִים כָּל הַצַּדִּיקִים.

מ׳זאָל די זכיה האָבן מ׳זאָלמיר שוין זען, וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ [בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים].

מ׳זאָלמיר זוכה זיין צו זען ישועת ישראל, און התרוממות קרן התורה וישראל, בגאולה שלימה ואמיתיית, ובהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

KolSatmar.com